פארלאג
מענדעלע
ווארשע

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

פינפצעהנטער באנד

נײע פערבעסערטע אויסגאבע

פערקויף: געזעלשאפט „צענטראל“, ווארשא, נאָוואָליפקי 7

1 9 2 8

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר=ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

די נשרפים

און אנדערע ערצעהלונגען

פערלאַג „מענדעלע“, וואַרשא

1 9 2 8

אינהאַלט:

די נשרפים
ספר הגלגולים
ספר הבהמות
דער לייב-אַטאַג אין צרות
דאָס תוספות יום-טוב-קעלביל
דאָס קעלביל

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927

Printed in Poland

Zakł. Graf. „Stereotyp" Warszawa Nowolipki 7.

פינפצעהנטער באנד

אין דעם באנד XV געהען אריין „די נשרפים", „ספר הבהמות", „ספר הגלגולים" און „דאָס קעלבעל".

„די נשרפים" זענען צוערשט געדרוקט געווען אין העבּרעאיש אין י. ח. ראווניצקי'ס זאַמעלבוך „פּרדס", דריטער באנד (אדעס 1895), אין יודיש זענען „די נשרפים" איבערגעזעצט משמעות דורך מענדעלען גופא.

„ספר הבהמות" האָט מענדעלע מוכר ספרים געדרוקט אין המשכים אין „יוד" (1902), צו די צוויי מעשיות „דער לייב" און „דאָס תוספות יום־טוב־קעלביל" איז צוגעגעבען אַ גרויסע הקדמה פון מענדע־לען, וואו ער שרייבט צווישען אַנדערען: „נאָך אין דער יוגענד האָב איך געשריבען און מיך אָבגעגעבען מיט אַלערליי מיני בהמות. תחילת איז דאָס ביי מיר געווען פּשוט עפּעס א מין שפּילכען. עס האָבען מיך פּעראינטערעסירט זייערע פערשיעדענע געשטאַלטען, זייערע גענג, זייע־רע העויות, גלאַט אזוי, ווייל ס'איז משונה, עפּיס אנדערש ווי געוועהנליך ביי מענשען... ערשט שפּעטער, אַז איך האָב מיינע בהמות דערקענט בעסער, איינגעזעהן, אַז זיי זענען ווי מענשען פלייש און בלוט, ווי מענשען מיט אַלע חושים, מיט געפיהלען, און ערנסט בעטראַכט זייער לאַגע, זייער וויסט לעבען, ווי זיי זענען עס אין גלות, נעבעך, קומען עס אָפּ ביי די מענשעלעך אייף דער וועלט—האָט מיך שוין אָנגעהויי־בען ציהען צו זיי דאָס געפיהל פון רחמנות"... מענדעלע שילדערט אַלע מאָל מיט א בעזונדער מיטגעפיהל בעלי־חיים. זיין פערדעל, זיין בהמה, צאַט, ציג האָבען אַלע מאָל אַן אמת־יודישלעבען אויסזעהן און

כאראקטער. מיט דעם זעלבען געפיהל פון רחמנות שילדערט מענדעלע דאָס אָרעמע פערדל (אין „א נאכט פון צרות") און די בהמה מיט'ן קעלבעל אין „תוספות־יום־טוב קעלבעל".

„ספר הגלגולים" האָט מענדעלע פערעפענטליכט אין „פריינד".

מיר האָבען געפינען פאַר נויטיג אריינצוגעבען צום סוף פון דעם באנד „דאָס קעלבעל", א בעארבייטונג פון מענדעלעס „תוספות־יום־טוב־קעלבעל". זינט „דאָס־קעלבעל" איז בעאַרבייט געוואָרען פאר דער יודישער יוגענד וצוערשט ארויסגעגעבען אין קיעוו, אין 1918 דורך דעם „קיעווער פערלאג"), איז עס פערשפרייט געוואָרען אין פיעל טויזענדער עקזעמפליארען, עב איז אויך איבערגעדרוקט אין א רייה יודישע כרעסטאָמאטיעס און איז שטארק פאָפולער און בעליעבט צווישען דער שוהל־יוגענד.

נ. מ.

די נשרפים.

א.

דאָס, רבותי, וואָס איך וויל אייך דאָ דערצעהלען, איז געשעהן פונקט אין דעם יאָהר, וואָס נאָך דער גרויסער שרפה אין קאַבצאַנסק.

די דאָזיגע שׂרפה, מוזט איהר וויסען, שטעהט פערשריבען אין די קראָניקעס, אין קהל׳שען פנקס הייסט עס, און קאַבצאַנסקער יודען רע־כענען אַלסדינג וואָס געשעהט אין זייער לעבען נאָך דער צייט פון דער שרפה. מען זאָגט אַ שטייגער: דער און דער איז געבאָרען געוואָרען, דער און דער האָט חתונה געהאַט אָדער איז געשטאָרבען אַזוי פיעל און אַזוי פיעל נאָך דער שרפה. דער עפּוש, נישט היינט געדאַכט, דאָס אויסרייניגען די מקוה, די ברונענס וכדומה, איז געשעהן אין דעם און אין דעם יאָהר נאָך דער שרפה.

איך אַליין בין דענסטמאָל ביי דער שרפה ניט געווען אין שטאָדט, בין אַרומגעפאָהרען, ווי געוועהנליך, מיט מייןביידעל ספרים צווישען יודען. גאַזעטעס, ווי היינט, זענען דענסטמאָל ביי אונז יודען נאָך ניט גע־ווען, נישט קיין „קאָרעספּאָנדענציעס״ און „אַרטיקלען״־שרייבערס, נישט קיין מודעות וועגען עגונות און נישט אַ צוגיסען־זיך אין „לשון״, אין שאַרפע מליצות אויף מתים און אויף שרפות. האָט אַ יוד מעגן געווען דאָס ווייב, מילא, איז זי זיך אַ עגונה, איז אַ יוד געשטאָרבען, מילא, האָט מען איהם בעגראָבען, אַ באָד האָט אָפּגעברענט, אַ שטעדטיל, ניט־דאָ־געדאַכט, איז אַוועק מיט׳ן רויך — נו, שאַ! אָט אַזוי האָט זיך גאַנץ קאַבצאַנסק אָפּגעברענט און איך זאָל דאָס גאָר אָנהויבען אַפילו צו־וויסען!

נעה איך מיר אַזוי איינמאָל טריט בײַ טריט נאָך הינטער מײַן אַנגעלאָדען יוגנעלע, דאָס פּערדיל מײַנס ריהרט זיך ווי אַ בלײַען פייגעלע, שטשיפּעט בײַם וועג־געהענדיג גראָז און קײַעט עס רוהיג גאַנץ געלאַסען, געווען איז עס דערנאָכטמאָל ל״ג בעומר, איינער פון יענע זומער־טעג, אין וועלכען אַ ייד איז ניט אין טרויער און מעג הנאה האָבען פון גאָטס וועלטעל דער שענער. איך נעה מיר אַזוי האָפּערדיג, האָפּענדיג אַ קוקעלע אויף אַ בוימעלע, אויף אַ גרעזעלע, אַ בלימעלע און אויף גרינגע תבואות. הדודאים, די פײַלכעליך נתנו ריח, גיבען די שמוכט, די פעלד־פייגעליך שפּילען מיר אַ מאַרש און מיר דאַכט זיך, איך הער די פּירעל מיט דער פּויק, די פלעט, די באַנדורע מיט דער צימבעל — דאָס גאַנצע כלי־זמר־שפּיל אויף די חתונות היינטיגען טאָג בײַ יודישע קינדער. איך קוועל גאָר אָן פון זייער שמחה און שיק פונדערווייטענס זיי אַ מזל־טוב, הלואי זיי זאָלען זיך מעהרען בײַ־זיך אין שטעדטיל דאָרט, ווי דאָס גראָז אויפ׳ן פעלד דאָ.

און ווי איך בעטראַכט מיר נאָטס שענע וועלט און די וואונדערליכע ווערק זײַנע, שטאַרק הנאה האָבענדיג דערפון, דערזעה איך פונדערווייטענס עפּיס גאַנצע קומפּאַניעס פאַרשוינען מיט שטעקענס אין די הענד, מיט טאָרבעס אויף די פּלייצעס ווי עכטע קבצנים. אמת טאַקי, בעגעגענען אויפ׳ן וועג קבצנים איז זעהר אַ געוועהנליכע זאַך. ס׳איז שוין איינמאָל אַזוי געשטעלט בײַ יודען פון איביגע צייטען, אַז קבצנים זאָלען בײַ זיי זיך שטענדיג אַרומשלעפּען איבער שטעדט און שטעדטליך, נאָר אַזוי פיעל קבצנים אָבער מיט־אַ־מאָל אין גרויסע מחנות ווי די הייש־רעקען — דאָס איז מיר שוין געווען אַ גרויס וואונדער. און נאָך גרעסער איז מיר געוואָרען דאָס וואונדער, אַז זיי זענען צונעקומען נאָהענט און איך האָב אין זיי דערקענט מײַנע קאַבצאַנסקער יודען!

— אוי, קאַבצאַנסק וואַנדערט! — רוף איך אוים דערשראָקען דערזעהענדיג פאַר מיר די גאַנצע מחנה יודען, מענער, ווייבער און קינדער, אָפּגעריסענע־אָפּגעשליסענע, הונגעריגע, דאָרשטיגע, אין צעהנטען אײַנגעהויקערטע — וואָס איז אַזוינס געשעהן, ברידער?!

— אוי, חרב געוואָרען אונזער שטאָדט! — ענטפערען אַלע מיט אַמאָל — יאָ, קאַבצאַנסקער זענען מיר, קאַבצאַנסק אָבער איז שוין ניטאָ!

— אַ שטראָף פון גאָט איז געקומען, אַ אָנשיקעניש פון זײַן ליעבען נאָמען! — פאַלען אַרײַן ווייבער אין־דערמיט מיט אַ געוויין.

— אַ צאָרן פון גאָט איז אויף קאַבצאַנסק אויסגעגאָסען געוואָרען — העלפען־אונטער מאַנסבילען מיט אַ קרעכץ.

— בעוונותינו הרבים — הויבען עטליכע אָן צו דערצעהלען — בעוונותינו, פאַר די זינד אונזערע האָט זיך אָנגעהאַפּט די סאַזע ערגיץ אין קוימען...

— אין נפתלי דעם רויטענס קוימען — פאַלען אַנדערע אַרײַן אין די רייד — בײַ איהם אין קוימען האָט זיך עס אָנגעצונדען די סאַזע, וואָס איז ניט געווען געקעהרט שוין אַ לאַנגע צייט. פון דאָרט איז דאָס פייער אַרויס, בעוונותינו הרבים, איז געפלויגען מיט דעם ווינד אויף די שטרויענע דעכליך, זיך אָנגעהאַפּט אין די הילצערנע הייזליך. עס ברענט, עס פלאַקערט אַ שרעק. ס׳איז אַ געטימעל, אַ געשריי, אַ געוואַלד — און ווער זאָל אין אַזאַ מהומה, אַזאַ לויפעניש זיך שטעלען לעשען? אוי, וואָס פון אונז איז געוואָרען! עפּיס טאַקי נאָר פונ׳ם הימעל איז אַרויס אַ פייער און פאַרברענט אונזער שטעדטיל!

— ברידער! — חאַפּ איך מיך אַרויף אויף זיי מיט אַ טענה — אָנגעהויבען האָט איהר מיט אַ פייער פון נפתלי דעם רויטענס קוימען און אויסלאָזען לאָזט איהר גאָר אוים מיט אַ פייער פונ׳ם הימעל! ווי קומט אַ הער דער הימעל?

— דאָס פייער פונ׳ם הימעל, פערשטעהט איהר, איז בעשעהרט געווען צוקומען דורך דעם רויטענס קוימען — ענטפערען מײַנע קאַבצאַנסקער פּשוט׳ע יודען, וואָס ווייסען ניט קיין חכמות — פון דאַנען, פון דאָרט — אַלץ איינס. אַ בעוויז האָט איהר אײַך אָט וואָס: יאָהרען־לאַנג איז דעם רויטענס קוימען, ווי אַ סך אַנדערע קוימענס, נישט געווען געקעהרט, און פונדעסטוועגען מיט חסד, ס׳איז גאָרנישט געשעהען. ס׳זענען דאָ טפּשים אַזעלכע, וואָס זאָגען אונז: רעכט אויף זײַך! איהר האָט די שרפה כשר פערדיענט דערפאַר, וואָס די הייזער אײַערע זענען געשטאַנען האַרט איינס נעבען אַנדערען, וואָס די דעכער, מ׳שטײַנס געזאָגט, זענען געווען געדעקט מיט שטרוי, וואָס די אויוועגס זענען ניט געמאַכט ווי געהעריג און דערפאַר וואָס בײַ אײַך זענען ניטאָ די כלים די אַלע נויטיגע מיטעל צום לעשען.״ די דאָזיגע שוטים אָבער ווילען ניט פערשטעהן, אַז מכמה וכמה יאָהרען איז קאַבצאַנסק זיך אַזוי געשטאַנען נישט צו־ווּיסען קיין־בײַז, דער אמת איז טאַקי ווי עס שטעהט געשריעבען: אם ה׳ לא ישמור עיר, אַז דער אויבערשטער היט אַ שטאָדט ניט, שוא שקד שומר, איז אומזיסט די מיה פון אַ בי

חעלכען שומר. איז בעשעהרט א פייער פונ'ם הימעל, קען קיין שום וואסער ניט, עס פארלעשען.

א קעגען א פסוק העלפט נישט קיין זאך, נישט קיין חכמות, נישט קיין השגות, דעריבער האב איך אנגעבויגען דעם קאפ און געשוויגען.

ב.

מיינע קאבצאנסקער זענען שיער ניט געפאלען פון די פיס, אזוי אפגעמאטערט זענען זיי געווען פון צופוס געהען. מיר אליין האט שוין אויך טאקי געבראכען די פיס פונ'ם נאכגעהען הינטער דעם וועגעלע; דעריבער האבען מיר זיך אפגעשטעלט אויסצורוהען א ביסעל נעבען א וועלדעל ביי א קליין וואסערעל. אויף די ווערבעס דארט האבען די קאבצאנסקער אויפגעהאנגען זייערע טארבעס און אליין זיך אויסגעצויגען אויף דער הארטער ערד. מאנסבילען אחען און קרעכצען. האמפערען זיך, קריגען זיך, בעטראכטענדיג זייער לאגע. ווייבער קלאגען פארשעלטענדיג זייערע טעג און יאהרען. עופעליך, קליינינטשקע לעבצען נעביך, זוכען ביי די מאמעס צוזויגען און געפינען נישט קיין קאפ מילך. עלטערע קינדער חלש'ען נאך א שטיקעל ברויט און היינען מיט ביטערע טרערען. לייזעריל, דער קאבצאנסקער שנאָדט=משונענער, אויך ער געפינט זיך דא צווישען דעם קאבצאנסקען עולם. די קליידער פארשמירט, צעריסען, די האר צושייבערט, דאס היטעל פארריקט א היניטען. ער דרעהט זיך ארום, געהט נאך, ווי א קיה א קעלבעל, א מאל נאך דעם, א מאל נאך יענעם, עפענט א מויל און קוקט, בריינגט ארויס א מאל עפיס א פארדומפפט קול, אהן ווערטער. פארזאומערט, פארזארגט זיץ איך צווישען מיינע פארוויסטע, אומגליקליכע קאבצאנסקער נעביך, עס רייסט מיר דאס הארץ צוזעהענדיג זייערע ביטערע צרות, וויסט און פינסטער איז מיר גאטס וועלטעל. אוי, וואס געהט זי מיך אן, די שענע נאטור מיט איהר חן? פאר אנדערע איז זי גוט און שען, ניט פאר אונז יורען. די זון קוויקט מיך ניט מעהר מיט א ליעבע ווארימקייט,

זי ברענט מיך ווי פייער, דאָס לינדע ווינטעל איז פאַר אונז א ווינט צו שרפות, דאָס געריוך פון פעלדבלומען און קרייטעכצער שמעקט פאַר אונז מיט רויך. אוי, אונז מאָהלט זיך נאָר שרפה'ס — פייער, ווינט און ווילען רויך! דאָס שפּילען פון די פייגעלעך דאַכט זיך אונז א וויינענדיגס, דאָס געזאַנג זייערס — א קלאָג־ליעד!

— וואוהין־זשע, ברידערליך, געהט איהר? — טהו איך לסוף א פרעג מיינע קאַבצאַנסקער יודען, האָבענדיג אויף זיי שטאַרק רחמנות.

— וואוהין קענען יודען נשרפים געהען? — ענטפערט חברה זיפצענדיג און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ — אהין וואו אַלע יודישע אָרימעלייט געהען. צו אונזערע באַרכהערציגע אחינו בני ישראל געהען מיר. מיר האָבען כתבים אונטערגעשריבען פונ'ם רב און פון די ראשי הקהל, אַז מיר מעגען אַרומגעהען איבער די הייזער, מעגען מיר. אונזערע ראשי הקהל, זאָלען לעבען, האָבען פאַרזאָרגט די נשרפים, איינטיילענדיג צווישען זיי די יודישע שטעדט על פי גורל. א טהייל קומפּאַניעס איז אויסגעקומען אוועקצולאָזען זיך אַהין, פון יענער זייט קאַבצאַנסק, און אונז איז דער גורל אויסגעפאַלען צולאָזען זיך אַהער, אין דער זייט. א צינר בעדאַרפען מיר דאָ נאָך א צווייטע איינטהיילונג, וועמען זאָל געהערען די שטעדט און וועמען יענע שטעדט. קענען מיר זיך אָבער יישט אויסגלייכען. וואָהין יענע ווילען, שטופען זיך נאָך זיי אויך די אַנדערע, בכן האַלטען מיר זיך, ווי איהר זעהט, צונויפגעשטיקט אַלע אינאיינעם, אין איין גרויסע קומפּאַניע. מען האַמפּערט זיך, מען זידעלט זיך, מען עסט זיך איינער דעם אַנדערען אויפ'ן גאַנצען וועג. טאָמיר ר' מענדעלי, וואָלט איהר זיך דאָ אַריינגעלייגט אין־דערמיט און געמאַכט צווישען אונז אַ עק.

— צוזייהט זיך, צושפּרייט זיך, קבצנים! — טהו איך א זאָג מיינע יודען, זעהר דעליקאַט — צו וואָס, קבצנים, שטיקט איהר זיך צונויף אינאיינעם און בייסט אייך און רייסט אייך איינע מיט די אַנדערע? דערמיט טהוט איהר דאָך שלעכטס אייך טאַקי אַליין; — איינער ביים אַנדערען כאַפּט אויס די שטיקעל ברויט. אלע וואַרפען זיך, ווי די הינט להבדיל, אויף אַ אָפּגעלעקט ביין. און וואָס נאָך, איהר ציהט אויף אייך אַרויף לייטישע רייד, שאַנד און שפּאָט, אַז איהר בעפאַלט זיי ווי א היישרעק, נישט אויסצושטעהן פון אייך. געוואַלד, האָט רחמנות אויף זיך אַליין און צושפּרייט זיך, יודישע קינדער!

און זעהענדיג, אַז איך רייד ווי צו דער וואַנד, קיינער הערט מיך נים, האָב איך שוין מעהר נים געזאָגט קיין וואָרט, געקוקט אויף זיי און בעדויערט, טראַכטענדיג ביי מיר: א שרפה אַפּילו איז נים אימשטאַנד אייך צושיידען, יודעליך!

— אונז גיבען זיי דאָס עריתטע, טונעיאַרעהקער געגענד מיט די הייזער, און זיך נעהמען זיי דאָס בעסטע, גלופּסקער ווינקעל. נישקשה, מיר האָבען אייך א חלק איז גלופּסק — לאָזען זיך הערען קולות פון שרעקליך אויפגעבראַכטע.

— ניין! מיר וועלען נים מוחל זיין דאָס אונזעריגע. מיר האָבען אויך א יודישע נשמה. אויך אַזוינע מיוחסים, שמיילינגע ווי איהר, זענען מיר — שרייען אַנדערע.

— מיינע ליעבע יודען! — ווענד איך מיך צו די, וואָס האָבען אָס־מייסטען געשריגען — איהר זענט דען אויך אָפּגעברענט געוואָרען? איהר זענט דאָך, ווי איך ווייס, קיינמאָל קיין בעלי־הבתים נים געוועזען.

— מילא, וואָס איז דאָ די נפקא־מינה, בעלי־בתים אָדער שכנים — גיבען מיר יענע צו פאַרשטעהן דעם טעם דערפון — אַצינד זענען מיר אַלע אביונים. הייזער אייגענע האָבען מיר, אמת טאַקי, נישט געהאַט, אָבער דירות האָבען מיר דאָך יאָ געהאַט. נו, האָבען מיר אַלע געוואוינט ביי יעקב־שמשון אין קעלער, איטליכער מיט זיין געזינדעל אין א בעזונדער ווינקעל דאָרט. אַז יעקב־שמשון'ס הויז האָט אָבער אָפּגעברענט, זענען מיר דאָך, פאַרשטעהט איהר, געבליבען אָהן דירות, און וואָהין, זאָגט אדרבה, זאָלען מיר זיך איצט אַהינטהאָן?

— מיין דירה איז געוועזען אין בית־המדרש, וואו איך האָב געשלאָפען — שרייט מיט א גמרא־נגון עזריאל בטלן — ווי באַלד דאָס בית־מדרש האָב אָפּגעברענט, אם־כן איז דאָך מעהר נים שייך דאָרט צושלאָפען. הייסט דאָך עס, א פּנים, אַז איך בין א נשרף ווי אַלע נשרפים.

— א מערכה, כ'לעבען — טראַכט איך ביי מיר — וואָס די וואַנצען אין פּלעה, וועלכע זענען געוועזען אויף קעסט און קוואַטיר ביי אונזערע יודען אין קאַבצאַנסק, האָבען נים קיין מויל צום ריידען, זיסט האַלטען זיי אויך געקומען מיט די אייגענע טענות.

— מיר איז די שרפה געוועזען דריי מיתות: שרפה הרג וחנק אינאיינעם — קלאָגט זיך דוד־יודיל דער קרעמער — אָפּגעברענט דאָס

קלייטעל, מילא איז אָפּגעבּרענט, קען מען דינגען, שטעלען אַ אַנדערע קלייטעל, אַבּי עס זאָלען זיין יודען, קונים. אַז אָבער קאַבּצאַנסק האָט זיך אַוועקגעשלעפּט, בין איך דאָך געבּליבּען דער'הרג'עט, דערוואָרגען!...

— איך בּין אַ אָרימאַן, אַ אביון טאַקי לכל־הדעות — גיט מיר נחום דער מלמד צופאַרשטעהן גאַנץ שכל'דיג — זענען בּעלי בּתּים געוועזען אין שטאָדט, בּין איך געווען אַ מלמד, געלעהרענט מיט זייערע קינדער און געלעבּט בּדוחק. היינט אַז אין בּעלי־בּתּים, נישטאָ קיין בּעלי־בּתּים, זענען נישטאָ קיין קינדער. נישטאָ קיין קינדער, איז נישטאָ קיין חדר, נישטאָ קיין חדר, איז נישטאָ קיין תורה. נישטאָ קיין תורה, איז נישטאָ קיין קמח — קומט אוים צוליינען די ציין אויף די פּאָלעצעו

— אָט דאָס איינענע טאַקע זאָג איך דאָך אויך, אַז ס'איז נישטאָ קיין הייזער, איז נישטאָ קיין מזוזות — רופט זיך אָן מיט אַ קרעכץ יוסיל־שמעון דער סופר — אַז ס'איז געווען אַ קאַבּצאַנסק בּין איך געווען אַ מזוזה־שרייבּער, היינט אַז ס'איז אוים קאַבּצאַנסק, אוים הייזער. איז אוים סופר, אוים מזוזות.

— און מיר — רופען זיך אָן אַ היבּש פּעקיל פאַרשווינען, וואָס הייסען בּיי אונז יודען כּלי־קודש, נעמליך: שמשים, בּעלי־תּפלות, שדכנים, קבּרנים, תהלים־זאָגערס, משניות־לערנערס, טוקערענס, נבּאי'טעס, שפּרעכערענס וכדומה נאָך אַזעלכע — מה נאמר ומה נדבּר, וואָס זאָל מיר זאָגען, מיר זענען דאָך אַצינד געבּליבּען ווי פּאַסטוכער אָהן שאָף, ווי פיש אָהן וואַסער. וועה איז אונז, וויינד און וועה אונזערע קינדער. אויסגעלאָזט זיך די פּרנסות, נישטאָ מעהר פון וואַנען צוציהען. אוי, בּיטער! אונזער איינציגע האָפנונג אַצינד איז פריהער אויף גאָט, דערנאָך אויף אונזערע קרובים, אויף נוטע לייט און בּעלי־צדקות. זאָלען זיי אונטערהעלפען אונז אין דער שלעכטער צייט, טהאָן חסד מיט אונזערע קינדער בּיז השם־יתבּרך וועט זיך דערבּאַרמען. קאַבּצאַנסק וועט ווידער ווערען אַ שטאָדט און מיר וועלען זיך נעהמען ווידער צו אונזערע פריהערדיגע פּרנסות.

— ס'איז נאָר ניטאָ אויף דער וועלט אַזאַ צרה ווי מיינע — גיסט פאַר מיר אוים דאָס הארץ שלמה, וואָס האָט געהייסען אין שטאָדט: בּעל־דבּרן, פאַר זיין פּה־קדוש — מיין צרה, דאָס איז די צרה פון דער מויד! קוקט זי אָן, אוי, אַ בּושה, אַ חרפּה, אָן־זיצט זי דאָרט מיין טאָכטער, הינדא־רחל, נעבּיך! אַ כּלה געווען הינו אַ־רחל. בּעדאַרף זיין־לוים ווי אָפּגעשמועסט אין די תנאים, די חתונה ל"ג בּעומר. היינט

טאַקי בּעדאַרפט זיין די חתונה. וואָס־זשע טהוט גאָט? מאַכט גאָט אַ שרפה, אָבער אַ שרפה אַ גרויסע, אַז דער גאַנצער מארק הייזער און די וואָס אַרום און אַרום געהען אַוועק מיט'ן פייער, און מיין הויז אַרן. אויף גאָט פרעגט מען נישט קיין קשיות, פאַר וואָס האָט ער עס אַזוינס געטהאָן. מסתמא ווייסט ער, פאַר וואָס ער האָט עס געטהאָן. ווי בּאַלד אָפּגעבּרענט, פאַרשטעהט זיך דאָך ממילא, אַז איך בּלייבּ אַ אָרימאַן, און סילוק נישט דעם נדן, ווי איך האָבּ מיך מתחייב געווען אין די תנאים. וואָס מיינט איהר, איך האָבּ נישט געוואָלט? חס־ושלום! געוואָלט האָבּ איך זעהר, נאָר פּשוט איך האָבּ נישט געהאַט. וואָס־זשע דער שענער בּחור, דער חתן מיינער? זאָגט ער, לאו! אַז נישטאָ דער עיקר, צו־וואָס טויג מיר די מויד. נעהמט ער און צערייסט די תנאים. מילא, צו־וואָס דאָ לאַנג בּרייען, דער שפּיץ דערפון איז, מיין טאָכטער איז אוים כּלה און ווייטער אַ מויד! און אָט זיצט זי שטענדיג פאַראומערט און וויינט. מיין ווייבּ, זאָל לעבּען, גיסט אויך בּיטערע טרערען, און וויינט איבּער מיין קאָפּ — „גזלן! זאָגט זי, פאַר־וואָס האָסטו אַרויסגע־לאָזט דעם חתן? פאַר וואָס האָסטו קיין רחמנות ניט אויף דיין טאָכ־טער? אַלע חבר'טעס איהרע זענען שוין ווייבּליך, האָבּען קינדער און זי, גזלן איינער, זי איז נאָך אַ מיידעל! אוי, אַזאַ חרפּה, אַזאַ בּושה!" און היינט ל"ג בּעומר, וואָס האָט געזאָלט זיין די חתונה, כּפי ס'איז אָפּגערעדט געוואָרען אין די תּנאים, איז דאָס געווען נאָך גרעסער־ממש ווי תשעה־בּאָב. די וויינט, יענע וויינט, בּיידע וויינען, און מיר איז בּיטער און פינסטער. אַ הונד זאָל אַ לעק טהון מיין הארץ וואָלט ער משוגע געוואָרען. וואָס זאָל איך טהאָן און וואָס קען איך טהון? איך וועל נאָך פּרוּוען טהאָן אָט וואָס: מיין ווייבּ מיט'ן בּני־בּית זאָלען זיך אַרומגעהן מיט די נשרפים און איך וועל מיך אַלאָז טהון אין דער וועלט עקסטרא פאַר זיך אויף הכנסת כּלה. הא, וואָס זאָגט איהר דער־צו, רבּ מענדעלי?

— וואָס זאָל איך זאָגען? — ענטפער איך דעם בּעל דבּרן מיינעם — אודאי איז הכנסת כּלה אַ שען נעשעפט און בּיי אונז יודען נאָך פיעל חשוב'ער ווי נשרפים.

בּשעת דעם שמועס מיט די קבּצנים האָבּען די ווייבּער זיי אונ־טערגעבּאַסעוועט מיט בּיטערע זיפצען, מיט טרערען און מוטע קללות.

אויך די פרעש אין דעם טייכעל, די זשוקליך, די גרילען צווישען גראָז און תבואות, האָבען זיך געלאָזט הערען אויף זייערע קולות — ס'איז געווען אַ קוואַקען, אַ שמוצערען, אַ געריוש, אַ געפּילדער אַ יאָמער, אַ קלאָג ווייט אַרום און אַרום.

ב.

קיין שום זאַך נעהמט מיך ניט אָן אַזוי בּיים האַרצען, דערוועקט נישט אין מיר הייסע געפיהלען פון ליבשאַפט, גוטסקייט, רחמנות און נאָך אזעלכע, וואָס שווער אָנצורופען זיי בּיים נאָמען, ווי דאָס פּנים'ל פון אַ אומשולדיג קינד, אַ שלאָפענדיגס. בּעזאָנדערענס, ווען עס איז איינגעשלאָפען פאַר שלאַפקייט, נעבּיך, אָדער נאָכדעם ווי מען האָט עס נעפּייניגט נעבּיך, נעשלאָגען.

איינס פון די קליינע, אומגליקליכע קינדערליך, אַ שלאַפס, אַ בּלייכס, איז שטיל אומבּעמערקט צוגעקומען צו מיר, בּשעת מיין פאַר-טיפען זיך אינ'ם שמועס, האָט אנידערגעליינט דאָס קעפּעלע זיינס מיר אויף די קניע און איז זיך איינגעשלאָפען. ערשט בּיים ענדיגען דעם שמועס, אַז איך האָב איהם בּעמערקט, בּין איך געבּליבּען צוקאָכט פאַר גרויס רחמנות. אַ זיס פּנים'ל, זעה איך, אַ דאַרס אָהן אַ טראָפען בּלוט, ליפּעליך פאַרטריקענטע, האַלב געעפענטע; הענטליך דינע, צווישטעק-ליך, איינס ליגט איהם אויף דער בּרוסט, וואָס בּעוועגט זיך בּיים אָטהמען אַרויף און אַראָפּ, און דאָס צווייטע הענגט שוואַך אַרונטער. אויף איהם איננאַנצען ליגט עפּיס אויסגעגאָסען אַ טרויערדיגער חן. עפּיס רעדט עס, בּעט עס, קלאָגט זיך נעבּיך אויף יסורים, וועהטיגען, בּעט רחמים, רחמנות צוהאָבּען אויף זיינע יונגע יאָהרען. איך קוק עס אָן און עס רייסט מיר דאָס האַרץ! עס ווילט זיך מיר וויינען, האַלזען, צוזאַמענדריקען דאָס בּידנע קינד, מיינע אומגליקליכע שטאָדט-לייט, מיינע

אומגליקליכע ברידער פון מיין פערוואגעלט פאלק, ארומנעהמען זיי אלע און אויסקושען זיי די גלידער! איך קוק אמאל אויף דאס אומשולדיג קינד, אמאל אויף די וויסטע, עלענדע, בעטריבטע, פארביטערטע קאבצאנסקער יודען — און ווער שיער ניט משוגע קוקענדיג. רבונו-של-עולם, שרייעט אין מיר דאס הארץ, אך ווי ביטער ס'איז דיין פאלק ישראל, ווי משונה פארענדערט ער איז מיט דעם שטייגער לעבען זיינעם, מיט אלץ-מיט-אנאנדער ביי איהם פון אלע אנדערע אומות אויף דער וועלט! וואו איז נאך דא אזא פאלק, וואס די מענשען זיינע האלטען זיך ווי די גלידער פון א גוף צוגעוואקסען איינס צום אנדערען, ווירקען איינס אויפ'ן אנדערען, דערנעהרען זיך איינער פונ'ם אנדערען און ווערען א תל איינער דורכ'ן אנדערען. דאס אומגליק פון יחידים, פון א טייל יודען, טרעפט דעם כלל ישראל. א שרפה איז געקומען אויף קאבצאנסק, עס האט אויסגעקויקעלט א טהייל הייזער און אלע יודען דארט וויינען, בעוויינען די שרפה! עס בעוויינען זי אלע, אפילו די, וואס האבען קיינמאל קיין הויז נישט געהאט. עס וויינען קאבצאנסקער בטלנים, מלמדים, דיינים, שמשים, חזנים, שוחטים, שדכנים, חתנים, כלות, קרעמער, סוחרים, מעקלער מיט אלע איהרע קבצנים,

אוי, אומגליקליך קינד... אוי, בידנע פאלק, מיין ארעם פאלק!...

— חנה, חנה! -- לאזט זיך הערען א קול פונ'ם קינדס פאטער, רופענדיג דאס ווייב — קום, נעהם חיים-יעקלין. זעה נאר, ווי ער שלאפט ביי רב מענדעלין אויפ'ן שויס!

— ווער איז דער מאמע, וועה צו איהר לעבען! — שרייעט-אויס חנה פאר גרויס רחמנות און ליבשאפט, אויסשטרעקענדיג די הענד צו נעהמען דאס קינד — קוקט איהם נאר אן, מיין טרייסט, מיין נשמה, ווי ער ליגט! מיד, אבגעשוואכט ליגט ער זיך איינגענורעט, דאס הענטעלע פארלייגט און שלאפט ווי א פייגעלע, טהייער קינד מיינס! אזא ברעקיל, נאך ניט אנגעקוקט די וועלט, ניט נעלעבט — און שטעהט שוין אויס אזויפיל צרות!

— עט, נישקשה, זאל ער זיך ליגען, נישקשה, און שלאפען — זאג איך דער מוטער און לאז מיך אריין אין א שמועס מיט דעם קינדס פאטער, א יוד א למדן און פשוט אהן חכמות א גוטער מענש. —

-- זאגט מיר אקארשט, זאלט איהר מיר געזונט זיין; רב יחיאל מרדכי, ווי אזוי און מיט וואס האט איהר זיך דערנעהרט אין דער שלעכטער צייט, וואס ס'איז אויף אייך אנגעשיקט געווארען?

— געלויבט השם-יתברך — ענטפערט רב יחיאל-מרדכי, אויפהייבענדיג די אויגען מיט א דאנק צום הימעל — מיט דעם אויבערשטענס נסים האבען מיר געלעבט. און וויפיל בעדארף דען א יוד האבען צום לעבען? א יודען איז גענוג אויף צו דערהאלטען די נשמה א ביסעל קארטאפעל, א ביסעל דאס... א ביסעל ווייס איך וואס... גארנישט. א ציבעלע, א רעטיכעל. האבען מיר זיך געלאזט בענוגענען, מיט בטחון אויף זיין ליבען נאמען און אויף דעם חסד פון אונזער אחינו בני ישראל.

— נו, האבען אונזערע אחינו בני ישראל אייך געהאלפען אין דער נויט?

— פון איין שטעדטיל און פון די ארומיגע דערפער האט מען אונז אריינגעשיקט עטליכע ווענעליך ברויט באלד נאך דער שרפה. פון די איבעריגע שטעדט — גארנישט. נאר עפיס קליינע נדבות עטליכע פון יחידים.

— פאר-וואס-זשע, האט קיין פאראיבעל נישט, האט איהר זיך געפוילט ארויסשרייבען זיי אין בריף אייערע גרויסע צרות, אז איהר געפינט זיך אין אזא ביטערער נויט?

— געשריבען, רב מענדעלי, געשריבען, געשריבען! אויך ארויסגעשיקט האבען מיר משולחים צונויפנעהמען פאר אונז נדבות ביי יודען, האבען מיר ארויסגעשיקט, און גארנישט. ביז אויף היינטיגען נימא פון זיי קיין תמונת אות. מען זעהט ניט, מען הערט ניט, ווי אין וואסער אריינגעפאלען. אז מיר האבען ארויסגעזעהן, קיינער פון אונזערע ברידער קומט אונז ניט צו הילף און מען קען שוין מעהר נישט אויסהאלטען, האבען מיר זיך בעטראכט מקיים זיין די הייליגע ווערטער פון אונזערע הייליגע חכמים: „אל תדין את-חברך, דו זאלסט ניט בעשולדיגען דיין חבר עד שתגיע למקומו, ביז דו זאלסט ניט שטעלען זיך אויף זיין ארט". נעהען מיר, הייסט עס, אצינד פון קליין ביז גרויס, מיט ווייבער און קינדער, בחורים מיט מיידלעך, זיך שטעלען אויפ'ן ארט פון אונזערע ברידער. זאלען זיי זעהען, אנקוקען אונז אליין. אפשר

וועלען זיי רחמנות האבען. און ווי מיינט איהר, רב מענדעלי, וועלען מיר עפּיס מאַכען מיט אונזער וועג, הא?

— זאָגט נאָר, רב יחיאל מרדכי, האָט איהר געליטען אַ־מאָל אַ וועהטיג אין איינעם פון אייערע גלידער?

— אַ שאלה אַ ביסעל, אויב איך האָב געליטען! אוי, געליטען. אי היינט נאָך בין איך, לא עליכם, געפאַלען אויף די קרייזשעס. איהר בעמערקט דען ניט אין מיין פּנים, אַז איך לייד דערפון גרויסע יסורים?

— נו, וואָס פאַר אַ מיטעל מהוט איהר דערצו, רב יחיאל־מרדכי?

— תחלת, אַז די שלאַפקייט האָט זיך ערשט בעוויזען און איך בין נאָך געווען פאַרמעגליך עפּיס צוטהאָן אַ מיטעל, האָב איך מיך נישט וויסענדיג געמאַכט און גאָרנישט געטהאָן, אַלץ געטראַכט, עס וועט מיט גאָטס הילף בעסער ווערען. אַצינד, אַז די שלאַפקייט איז שטאַרק, און איך בין ניט ביכולת צוטהאָן דערצו אַ מיטעל, אפילו ביים בעסטען ווילען, און ווער ווייסט, אויב די מיטעל וועלען שוין העלפען — אַצינד איז דער וועהטיג זיך צוגאַנגען אין אַלע מיינע רמ״ח אברים, און איך בין, לא עליכם, אַ צעבראָכענער שאַרבען. נאָר אַקעגען וואָס אָבער פרעגט איהר מיך, רב מענדעלי, אַזוינס, וואָס איז ניט שייך צו אונזער שמועס?

— אַקעגען וואָס איך פרעג ווילט איהר וויסען? — ענטפער איך מיט אַ ביטער געמיטה — אַקעגען די קאַבצאַנסקער נשרפים, פאַרשטעהט איהר מיך, און אַקעגען טויזענטער אַנדערע מיני אָרעמקע, געפאַלענע, אָפּגעקומענע. זיי אַלע זענען געפלאָגטע, קראַנקע גלידער אין דעם יודישען גוף. ווען אונזערע יודען זאָלען פאַרשטעהן, וואָלטען זיי בעדאַרפט אָנווענדען כּל־המיטעל, געפינען אַ סגולה צו די קראַנקע גלידער בעצייטענס, איידער די קראַנקייט פערשטאַרקט זיך, בלייבענדיג אַ אייבּיגע מכּה, אַ וועהטיג, אַ קרייַנק פאַר דעם גאַנצען גוף. ווען אונזערע ברידער, אַ שטייגער, וואָלטען אַנטהייל גענומען אין דעם אומגליק פון קאַבצאַנסקער יודען באַלד ווי דאָס אומגליק האָט זיי געטראָפען, העלפענדיג זיי איטליכער מיט אַ קלייניגקייט, וואָלט פון אַ גראָשען צו אַ גראָשען זיך אָנגעקליבען אַ היבשע סומע געלט, עס זאָל מעגליך זיין ווי ס'איז אָפּצובויען זייערע הייזער, יעדער זאָל זיך נעהמען ווידער צו

זיין אַרבייט, נישט נעצוואונגען זיין פאַרוואָגעלט ווערען פון דער היים און אַרומשלעפּען זיך מיט די טאָרבעס איבער דער וועלט. אַצינד אָבער, אַצינד...

האָרכט־זשע, רב יחיאל־מרדכי, אַצינד וועל איך נביאות זאָגען, וואָס פון אייך, פון נאָך אַזעלכע פאַרוואָהרלאָזטע, פאַרוואָגעלטע, וועט ווערען מיט דער צייט. קאַבצאַנסקער יודען, ווי אַלע אומגליקליכע זייער גלייכען, פון וועלכע מען האָט זיך נישט וויסענדיג געמאַכט תחילת, ביים אָנהויב זייערען צופאַלען, וועלען אַלץ וואָס ווייטער פאַלען און שוין קיינמאָל נישט אויפשטעהען, קומען צוריק צו זייער פריהערדיגען שטאַנד. דאָס ביסעל, וואָס זיי וועלען צונויפנעהמען, וועט אַוועקגעהן אויפ'ן עסען אין וועג, און דער סוף זייערער וועט זיין, צו־בלייבען קבצנים, שלעפּערס, אַ פּלאָג, אַ מכּה, וואָס וועט זיך איינעסען דעם פאָלק אין די ביינער און אָנטהאָן איהם גרויסע יסורים. עס האָבען ניט געשטיצט אונזערע יודען די געפאַלענע ביי זיי, אין־אָנהויב, יעדער מיט אַ קלייניגקייט און מיט דעם גוטען ווילען, וועלען זיי לסוף גע־צוואונגען זיין מיט געוואַלד צוגעבען אייך, קבצנים, אַ סך און דאָס וועט שוין ניט העלפען. די אָרימע לייט וועלען תמיד זיי בעפאַלען און ווילענדיג־נישט־ווילענדיג וועלען זיי געבען ווי אין אַ לעכערדיגען זאַק אַריין כּפי זייער כּח און אַריבער דעם כּח. זיי וועלען מוזען מאַכען „הקדשים“ פאַר אורחים, אָרימע וואַנדערער, שלעפּערס. זיי וועלען מוזען אויסבריינגען געלד אויף קראַנקע, שלאַפע, צעבראָכענע, אויך אויף פוילע ליידיגגעהערס. זיי וועלען מוזען מפרנס זיין אַלמנות און אויסהאַלטען יתומים. זיי וועלען מוזען אַריינגעהמען צו זיך אין שטוב אָרימע קרובים, מוזען און מוזען געבען נאָך אויף זאַכען אַזוינע אָהן אַ שיעור ביז זיי וועלען שוין ניט זיין מעהר פאַרמעגליך און מוזען פאַר־קלענערען זייערע אויסנאַבען. די געשעפטען וועלען וועניגער ווערען, פיל וועלען אַראָב פון דער פונקציע און עס וועלען צוקומען נייע, פרישע צאַפּעלדיגע אָרימעלייט, קבצנים, דלפנים, אביונים, אָפּענע, באַהאַלטענע, אַלערליי מינים... איהר זעהט, רב יחיאל־מרדכי, וואָס די פראָש האָט אָנגעמאַכט ביים אַריינשפּרינגען אָט דאָ אין דעם טייך? צו ערשט איז דורך איהר שפּרונג געוואָרען אין וואַסער אַרום איהר אַ רעדעל, דערנאָך אַ צווייטס, אַ דריטס, אַלץ מעהר און מעהר ווייטער און ווייטער. אָנגעהויבען האָט זיך עס פון אַ קלייניגקייט און פון דעם קלייניגקייט קומט אַרויס זעהר פיל אַזוינס, וואָס ציהט זיך, ציהט זיך אָהן אַ עק.

א שרפה איז געקומען אויף קאבצאַנסק, קומט פון איהר אַרויס צרות אַ סך — און אין אַ צייט אַרום וועט האָבען צו בעווייגען די שרפה כל־ישראל!

— אונזערע הייליגע חכמים האָבען שוין דאָס פריהער פאַר זיך געזאָגט — מאַכט רב יחיאל־מרדכי מיט אַ קנייטשעלע, אַ ציה־געבענדיג מיט'ן אַקסעל, ווי דער שטיינער איז פון בית־מדרשניקעס, אָוועקצומאַכען יענעמס אַ וואָרט, ווייל מען געפינט עס ערגיץ אין אַ שטעל ביי אונזערע חכמים, אם־כן טאָ וואָס־זשע לאָזט מיך דאָ יענער הערען? — דער מדרש „שיר השירים“ זאָגט: „מה אגוז זה, אַזוי ווי ניס, אתה נוטל אחד מחברו, אַז דו ריהרסט איינעם פון אַ קופּקעלע, כולן מדרדרין ומתגלגלים זה אחר זה, צוקויקלען זיך און צולויפען זיך איינע נאָך די אַנדערע, כך הן ישראל, אַזוי זענען די יודען, לקה אחד מהן כלן מרגישין, ריהרט דאָס אומגליק אָן איינעם פון זיי, דערפיהלען עס אַלע“.

— און וואָס טהוט מען דערצו, רב יחיאל־מרדכי? — טהו איך אַ פרעג זעהר פאַרביטערט — געוואַלד, רבונו של עולם, ווּעלען דען יודען תמיד אַזוי זיין אָפּהענגיג, אָפּגעלאָזט, נישט צוטהאָן פון דאַנען אַהין, צופאַרבעסערען זייער צושטאַנד, אַז זיי זאָלען ניט קויקלען זיך ווי די ניס?!...

רב יחיאל־מרדכי בעדעקט מיט דער האַנד דאָס פּנים, זיפצט, ערעכצט, נישט צוענטפערען קיין וואָרט. מיר זיטצען ביידע און שווייגען, פאַרטיפענדיג זיך איטליכער אין די געדאַנקען ביי זיך.

שפּעטער אַביסעל האָבען די קאַבצאַנסקער זיך גערוהרט אין וועג אַריין רעש'דיג, האַק־און־פּאַק מיט די ווייבער און קינדער, און לייזעריל דער משוגענער שלעפּענדיג זיך נאָך זיי. איך האָב זיי ביז אַ געוויסען פונקט בעגלייט, נאָכגעהענדיג נאָך מיין פערד־און־וועגעלע, דערנאָך האָב איך מיך געזעגענט מיט זיי און בין געגאַנגען מיין וועג.

• • •

יענע אומגליקליכע קאַבצאַנסקער האָב איך שוין מעהר אין מיין לעבען ניט געזעהען און איך ווייס נישט, וואָס פון זיי איז געוואָרען. זיי האָבען זיך אַוודאי געמוזט קויקלען ווי די ניס מיט די־

אַלע אַנדערע יודישע אָרימעלייט, ביז זיי זענען פאַרשוואונדען געוואָרען פון דער וועלט. לייזערלען נאָר האָב איך אין אַ צייט אַרום בעגעגענט אין גלופּסק, אַרומלויפענדיג דאָרט אין די גאַסען בתורת שטאָדט־משוגענער, און קינדער־קונדסים מיט אַ געשריי, אַ געלעכטער הענרום־פּענדום נאָך איהם...

ספר הגלגולים

ספר הגלגולים

האז דער מחבר בעשרייבט באריכות די אלע גלגולים, אין וועלכע ער האט בעדארפט, כמנהג יוד, מגולגל ווערען ביים לעבען פון איינעם אין דעם אנדערען.

דער מחבר פונ׳ם „ספר הגלגולים" הויבט אן צו דערציהלען מיט די ווערטער:

ויהי בימי אכילת קעסט, שימת בנים וישיבת בית־מדרש — און עס איז געווען, נישט היינט געדאכט, אין דער צייט, ווען בעלי־בית׳לעך האבען געגעסען קעסט, געקינדערלט און געזעסען פערלענגט די הענד אין בית מדרש. איך זאג, זאגט ער, נישט היינט געדאכט דעריבער, ווייל וואו ויהי, זאגען די חכמים, איז א צרה. די צרה אונזערע איז, וואס בעלי־בית׳לעך אין יענער צייט זענען, הגם אין זייער זאך, נישט אזוי קלוג געווען ווי די דאזיגע אין היינטיגער צייט. זייער איינענעם תכלית צו פערזארגען קענען, אמת, די היינטיגע ווי די אמאליגע נישט, און מוינען טאקע נישט; גאנץ פשוט, ווייל דערצו זענען נויטיג אזעלכע זאכען, וואס ביי בטלנים זענען זיי, בעונותינו־הרבים, נישטא

פריהערדיגע אָדער שפּעטערדיגע אַרץ איינס, און בּעשולדיגען זיי דערפאַר געפענט זיך קיינעם נישט דאָס מויל. וואָרום עס וואָלט געווען ווי אַ לועג לרש, שפּעטען פון אַ קבצן, פאַר וואָס מאַכט ער עס נישט פאַר זיך עפּיס אַ גרויס געשעפט, אָדער פון אַ שטומען, פאַר וואָס רעדט ער נישט, פון אַ געלעהמטען, פאַר וואָס טאַנצט ער נישט, און פון אַ געבּויגטען, פאַר וואָס הויבּט ער נישט אויף דעם קאָפּ. אָבּער נישט צו פויגען פאַר זיך—אַזוי טענה'ן די היינטיגע—האָבּען י ע נ ע דאָך נישט געטויגט אויך אַ קאַץ אַ ניעק צובּינדען, דאָס מיינט מען די כּנסת ישׂראל, פאַר איהר אינגאַנצען זיך אָוועקלעגען. נישט צו קענען פערזאָרגען דעם אייגענעם תּכלית, האָבּען י ע נ ע, אַז אָך=און=וועה צו זייער קאָפּ, צו זייער לעבּען, נישט געטראַכט, נישט איינגעלעגט אַ וועלט צו פערזאָרגען כּל=ישׂראל'ס תּכלית!... זיי האָבּען געפוילט, געשימעלט, נישט געמאַכט קיין חבריות, קיין כּנופיות; נישט געפּרובּט צונויפקומען זיך אויף אַסיפות, אויפ'ן אָרט טאַקע, אָדער דורכצופאָהרען זיך אָפּטערס, פערשטעהט זיך, נישט אויף זייערע הוצאות, אַהין=אַהער. פּיס האָבּען זיי געהאַט, נישט אויף צו געהן; אַ מויל, משטיינס=געזאָגט, האָבּען זיי געהאַט, נישט אויף צו רעדען, צו האַלטען דרשות. אַזוי פוילען זאָלען אַלע אונזערע שׂונאים ווי זיי! וואָס האָבּען זיי פערשטאַנען, וואָס האָבּען זיי געוואוסט?... אַקציעס?—ניין! פאָנדען?—ניין! קולטוריאָ?—מכּות! וואָס=זשע דען? גאָרנישט! מען האָט גענענעצט, געדאַווענט, געבּעבּעט, אָבּגעריכט חצות, געזאָגט קינות, סליחות, משטיינס=געזאָגט, אַריינגעקוקט, געלערענט, און זיך אויסגעלערענט זיין צוּבּראָכענע גלות=יודען מיט זייער שענעס, קנאַקעדיגען „מה=יפית".—ומפני חטאינו, אָט פאַר די דאָזיגע זאַכען איז דער צאָרן אויף י ע נ ע, נעבּעך, אַזוי אויסגעגאָסען געוואָרען. ראשית חכמה און סוף חכמה היינט בּיי קינדער איז אַ פּאַטש די טאַטעס, י ע נ ע פון די פריהערדיגע צייטען. פע הייסט עס, פע אַלטע, אַמאָליגע צייטען! אָט דערינען בּעשטעהט עס די גאַנצע חכמה, טאַקע גאַנץ יודישליך, אויף דעם שטייגער טאַקע פון איין עם חכם ונבון, אַ קלוג, פאַרשטענדיג פאָלק ווי מיר יודען זענען—און דאָס איז, אוי, טאַקע די צרה!...

נאָר נישט דאָס, זאָגט דער מחבּר, בּין איך אויסען.

און מען מעג עס איהם טאַקע גלויבּען, וואָרום דער גאַנצער מיין זיינער דאָ בּאמת, ווי עס ווייזט זיך אַרויס צום סוף, איז טאַקע גאָר עפּיס אַנדערש

איך בּין דאָ אויסען, זאָגט ער, צו דערצעהלען, וואָס מיט מיר איז פאָרגעגאַנגען אַמאָל אין יענער צייט, ווען איך בּין, ווי דער שטייגער איז פון איידעמס, געזעסען בּיי שוועהר און שוויגער אויף קעסט. דער שוועהר מיינער, אַ פּראָסטער מענש, אַ שענער, יוסטער בּעל=הבּית, האָט מיך, ווי אַ קאַרפּירער אתרוג'ל, אַ חשוב=בּחור'ל, אַ וואויל=לערנער גענומען פון דער ישיבה פאַר זיין איינציגער געליעבּטער טאָכטער, איין אויג אין קאָפּ. וויפיעל איך בּין אַלט געווען צו דער חתונה, איז שווער צו זאָגען, ווייל אין דעם חשבּון פון מיינע יאָהרען איז איבּערהויפּט געווען אַ פּלאָנטעניש, ניט אַרויסצוקריכען. די מאַמע מיינע האָט גערעכענט נאָך עפּיס אַ גרויסער שׂרפה, אָט דענסטמאָל איז זי מיט מיר געלעגען געוואָרען. די בּאָבּע אָבּער האָט עס גערעכענט נאָך עפּיס אַ בּהלה, און די מוהמעס מיינע האָבּען וועגען דעם געהאַט גאָר אַנדערע חשבּונות. נאָר ווי די מעשׂה איז, אַזוי צי אַזוי, איך ווייס נישט מעהר, אַז צו דער חתונה איז בּיי מיר געווען אַבּלאַס פּנים, אַ גלאַטס, אָהן אַ חתימת=זקן, ווי בּיי אַ יונגעל.

די ערשטע פּאָר יאָהר נאָך דער חתונה איז געווען קיין מעשׂה נישט... איך האָבּ געוואוסט נישט מעהר ווי דאַווענען, עסען קעסט און לערנען. נאַרישקייטען, ווי עס מאַכט זיך אַמאָל בּיי אַ מענשען, איז מיר אין זינען נישט געלעגען — קיין קינד האָט מיין ווייבּ נאָך נישט געהאַט... די ערשטע צייט פלעג איך מיר אַזוי קומען אַהיים אָבּעסען, אָבּטרינקען און גאָרנישט, נישט צו הערען אַ קרום וואָרט, נישט צו בּעמערקען אַ קרומע מינע. דערנאָך ווערט עפּיס אַ שטיקעל פערענדערונג, עס לאָזט זיך מיר פיהלען פון דער שוויגער'ס זייט עפּיס אַ קרימעניש, אַ בּלאָזעניש, איך זאָל עס אָנהויבּען צו פאַרשטעהן פאַר וואָס. און אַזוי ווי איך האָבּ עס נישט פערשטאַנען, אַזוי טאַקע האָט עס מיר נישט געשאַדט—איך האָבּ מיר געטאָן דאָס מייניגע און געגעסען געשמאַק. בּיסלעכווייז, בּיסלעכווייז איז מיר דערקלערט געוואָרען דער טעם פון'ם בּלאָזעניש. פריהער על פּי ר מ ז, דאָס הייסט אויפ'ן וואונק, מיט אָנצוהערעניש, כּלומר, אַזוי מיינט זי—ק י נ ד ע ר! ווי האָט עס נישט אַ יוד קיין קינדער!... און שפּעטער האָט עס מיך די שוויגער געלאָזט הערען בּפירוש, מיט דעם פּראָסטען פ ש ט. סטייטש, טענה'ט זי מיט מיר, שטאַרק אויפגעבּראַכט, גלייך ווי איך וואָלט איהר געקוילעט די קאַפּאָטע — סטייטש, צוויי קיילעכדיגע יאָהר נאָך דער חתונה, און גאָרנישט!... איידעמס בּיי לייטען, וואָס האָבּען חתונה

געהאט אין איין צייט מיט דיר, זענען שוין לאנג טאטעס, ווער פון איינס, ווער פון צוויי קינדער; מענשען זענען זיי, האבען אין זינען דעם תכלית... אז וואויל איז זיי, אז וואויל אויך זייערע עלטערן! און דו וואס? א שען בעל־הבית׳ל, משטיינס־געזאגט! און נאך שפעטער האט מען געארבייט ארום דער דאזיגער זאך בסוד. איך פלעג טרעפען אפט די שוויגער זיצענדיג מיט ווייבער, שכנות, גבאי׳טעס, טוקערקעס, דאס ווייב מיינס מיט אראבגעלאזטע, פערוויינטע אויגען אין דערמיט, און שושקענדיג זיך, איבערווינקענדיג זיך איינע מיט דער אנדערער, א אלטע גויה להבדיל האב איך אויך א פאר מאל געטראפען צווישען זיי. ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען צום סוף, איז מען געזעסען און געטראכט וועגען דעם, פאר וואס האט עס די שוויגער פון דער טאכטער איהרער, פון מיין ווייב הייסט עס, קיין אייניקעל נישט? און מען האט געברויכט דערצו באבסקע מיטעל. די אלטע גויה מיט דעם היימישען שטאדט־טאטער האבען, עס פערשטעהט זיך, ביידע געטאנצט אין דעם קאן אינאיינעם מיט די גענייטע אויסגעקינדעלטע ווייבער.

מיר אבער איז נארישקייטען ניט געלעגען אין זינען, איך האב מיר געשמאק געגעסען קעסט און געשמאק געלערענט.

אז עס האט נישט געהאלפען נישט קיין רמז, נישט קיין פשט, נישט קיין סוד, איז די שוויגער ארוים אקעגען מיר מיט דרוש. דרשה׳נען האט זי געקענט זעהר וואויל. אז זי האט געעפענט א מויל, האבען זיך איהר געשאטען, ווי פון א לעבעדיגען זאק — א מגיד, ניין מאס רעד, אויסגעמישט אינאיינעם גראם־שטראם, קובעבע־לאקריצע, גוי׳אישע ווערטלעך מיט, להבדיל, שטיקלעך גמרא, משל־לעמעשקע, פערווירצט מיט זיסזויער תחינה־לשון, עס זאל האבען דעם רעכטען יודישען טעם. דער שטעל איהרער אין די דרשות איבער מיר איז געווען אויף דעם געוויסען פסוק: „מיינס, משטיינס־געזאגט, איז נישט לייטיש“. — און זי האט זיך גענומען גאנץ ברייטליך אויפוויזען, אז נישט לייטיש איז, וואס איך בין דאס, יענס... נישט לייטיש, וואס טאקע ווי דעם פויער׳ס א ווערטיל: ני ראק, ני ריבא, דאס הייסט אויף יודיש: ני מע, ני מו, ני קוקוריקו. וואס דען־זשע? א לעקיש בין איך. נישט לייטיש איז אויך דאס: ביי אנדערע, א שטייגער, נעהמט א שוועהר דעם איידעם און פאהרט זיך מיט איהם דורך צום האנדריקעווער, זאל געזונד זיין, אדער ווען נישט ער אליין, טהוט ער עס דורך איינעם פון די חסידים.

מאכען זיי פון איהם א לייט, פיהרען זיי איהם... און דער יבער טאקע איז מזל און ברכה — זרענו וכספנו, קינדער און געלד, ווי אין „ויתן לך“ שטעהט. און ביי מיר — פלעגט זי אויסלאזען, א קוק געבענדיג בייז אויף דעם שוועהר, נעבעך, וואס ער האט געהאט פון איהר קאלט און ווארעם — ביי מיר, אוי רבונו של עולם, הלואי אויף שונאי־ציון געזאגט געווארען, איז ניט לייטיש, אמן, אמן!..

פון מגידים די דרשות אז איך הער היינט, שטעהען זיי אזוי צו מיר צו ווי א ארבעס צו דער וואנד. איך קוק זיי נאר אן מיט רחמנות, ווי מענשען, נעבעך, חכמה׳נען זיך, ווייסענדיג זיכער זעהר גוט ביי זיך, אזוי גוט ווי איך ווייס, אז די חכמניות זייערע איז געמלאכה׳ט, לויטער שווינדעל, דראט־ארבייט. נאר די דרשה אבער פון דער שוויגער מיינער דענסטמאל איז מיר צוגעשטאנען ווי א פיאווקע צום הארץ און געזויגען מיין בלוט. געגעסען האב איך מיר קעסט אלץ טאקע געשמאק, געלערענט אויך געשמאק, נאר עס האט עפים נישט געהאט דעם טעם וואס אמאל. עס האט מיך עפים גענענזעלט, געפיקט מיר עפים אין קאפ, און פלעג מיך קענען אמאל אויף עטליכע מינוט פערטראכטען מיט אויסגעשטעלטע אויגען, גלאט אזוי זיך אין דער וועלט אריין, פונדעסטוועגען נישקשה אהן סכנות! איך וואלט מיר געקענט נאר קיין מעשה ניט אזוי זיך אבשטערכען דאס ביסעל יונגע יאהרען ביז עס וואלט געקומען אויך אויף מיר א צייט, אויסזוכען זיך איינע פון די יודישע פרנסות: א קנעלונג, א קלייטעל, אדער א שיינקעל, א שטייגער, און זיין אליין פאר זיך א בעל־הבית. בעדארף זיך אן מיר אנטשעפען עפים א דבוק, דער יצר־הרע אליין, אין דעם געשטאלט פון א חסיד, און מיך אנרעדען דער שווארץ־יאהר ווייס וואס, מיך וועלען פערפיהרען, דער רוח ווייסט וואוהין...

מיין יצר־הרע, דער חסיד, איז געווען א מנוול מיט אלע פאסאטעמקעס, מיט דעם גאנצען חן, ווי אזעלכען שטעהט־אן. א דבורעל האט ער געהאט גאר אנטיק, עס האט געלעכערט דעם קאפ. א־ט מעשיות צו דערצעהלען, איז אזא בריה ווי ער נישט געווען, ניש׳ין און וועט נישט זיין אין דער גאנצער וועלט. פאר איהם איז אפי׳ געווען דער הימעל, געמעגט דארט טאן וואס ער וויל, איהם איז געשטאנען פריי דער גיהנם און דער גן־עדן. מלאכים, רוחות זענען ביי איהם געווען משרתים, ווי א שפילכעל איז איהם געווען פייער און וואסער... ער האט געקענט מיט זיינע מעשיות נעהמען א מענשען ביי

דער נשמה, האט ער געוואלט — איז פון זי אנגעפאַ.ען אויף א מענשען עפּיס א זים דרעמיל, א ווארימקייט איז זיך צוגאַנגען אין אלע גלידער און עס האט זיך געקראַצט עפּיס גאָר מחיה. האט ער זיך בעלעקט צמאָקענדיג מיט די ליפּען — איז אָנגעקומען יענעם א חשק צום טרינקען, פּשוט טאָן א טרונק בראַנפען...

אט אזוי איז דער יצר=הרע מיינער, וואס האט זיך. נישט פאר יודישע קינדער געדאַכט, צו מיר גענומען!

— זאָג מיר, שמייגער! — הויבט אָן דער יצר=הרע מיך צו שטראָפּען — ביז וואַנען וועסט דו עס זיין א שמייגער? וואס פּאָרט קען ארויסקומען פונ'ם תנו=רבנן, וואס דו תנו רבנן'סט מיר טאָג און נאַכט? פונ'ם זיצען ווי א קוואָצקע איבער דער גמרא וועסט דו קיין קינדער נישט אויסזיצען,— און וואס פּאָרט וועט דער תכלית זיין דערפון? ביסט דאָך עפּיס א יוד, דו שמייגער איינער!... א עברה, כלעבען, אזא יונגער=מאַן... עס וואָלט מיך נישט געאַרט א געבראָטענער ליטוואַק א מתנגד, שוין אין די וואָהרען, א פרוש — א באַנק=קוועטשער מיט א באָרד — אין דער=ערד אריין, צלם=קאָפּ! זייַ דיר, שאָקעל זיך, קוועטש דיר אָן מרידין, ביסט אריין אין די מ"ט שערי=טומאה און פערפאַלען, וועסט אייביג שוין נישט אַרויס! דו שמייגער אָבער ביסט נאָך א שנעק, האָסט נאָך צייט אַרויסצוטרייבען פון דיר דעם ליטוואַק, און ווערען א מענש, א כלי=שלמה. נעהם זיך בייצייטענס אויף דעם רעכטען וועג און פאָלג מיך, שטעה נישט אָב פון אַנדערע יונגע בעלי=הבית'לעך, טאַטענ'ס קינדער, שטעה נישט אָב, זאָג איך דיר, און קום... קום... אַנדערע אפשר וועלען דיר זאָגען: קום קיין חאַנדריקעוו, אָדער קום קיין יהופיץ, צום יהופיצער, און איך זאָג דיר — בויבעריק! ס'איז דאָ ווייערע א סך, אַלע, דאַכט זיך פון איין שניט, קיינעם פון זיי געהט, ברוך=השם, נישט אָב אין דעם גוטען יודישקייט, געזונד און שטאַרק זאָלען זיי זיין! נאָר זיי אַלע אינאיינעם גענומען זענען ווי א שאָלעכטס פון קנאָבעל אקעגען דעם בויבעריקער, זאָל לעבען. — קום, זאָג איך דיר, קיין בויבעריק, דאָרט וועסט דו געהאָלפען ווערען. איין מומחה צו עקרות איז טאַקי ער, דער בויבעריקער. א חוץ דעם וועט זיך דיר עפענען די אויגען, אָנקוקענדיג זיין ליכטיג פנים. „וועסט זיך וואַרעמען א קעגען זיין ליכט", דו פערפרוירענער ישיבה'ניק, קאַלטער מתנגד, וועסט, ווי די אצילי בני ישראל, זעהן די שכינה רוהט אויף זיין פנים און פאר גרויס התלהבות ווי זיי עסען ביי איהם און טרינקען...

אצונד האָסט דו דערצו די מעגליכקייט, זיצסט דיר אויף קעסט, דער נדן דיינער איז נאָך נישט געריהרט; שפּעטער, אזוי פערהאָף איך, וועסט דו א משכון פערזעצען, דאס לעצטע ביסעל ציהרונג ביים ווייב ארויס'גנב'ענען—און פאָהרען, אָדער געהן צו=פוס קיין בויבעריק!...

אזוי האט אַלץ גערעדט און מיך איינגערעדט דער יצר=הרע. און אַז ער האָט געזעהן, אַז ער איז מיט מיר נאָך נישט פאַרטיג, מוסר העלפט נישט, האָט ער געפּרובט ווירקען אויף מיר דורך משקה. ער פלעגט אָהן ווערטער צמאָקען מיט די ליפּעלעך אַזוי, אַז מיר האָט זיך פערגלוסט נעהמען א קאַפּעלע בראַנפען. אָנגעהויבען האָט זיך עס פון יאָהר=צייט אָדער תיקון=בראַנפען, דערנאָך איז געגאַנגען א גאַנג, סיום=בראַנפען, אַלע מיני מצוה=בראַנפען, ווי, א שטייגער, ראש=חודש=בראַנפען, קידוש=לבנה=בראַנפען, ל"ג=בעומר=בראַנפען, שהי=פהי=בראַנפען, ביז עס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט פּראָסט, גלאַט אזוי זיך בראַנפען. דער פועל=יוצא דערפון איז געווען, אַז איבערחאַפּענדיג איינמאָל די מאָס בין איך אַרויס פון די כלים, דאָס הייסט—התפשטות הגשמיות, אַרויסגעשפּרונגען פון דער הויט, און געווען בגילופין, אויף דעם זיבעטען הימעל!

דאָס וואָס איך האָב, אָדער, גלייכער צו זאָגען, די נשמה מיינע האָט געהערט, געזעהן, כביכול, אויפ'ן הימעל, לאָזט זיך קוים=קוים איבערגעבען אויף דעם מענשליכען לשון. איך טהו עס פונדעסטוועגען, ווי ווייט מעגליך איז, נאָר טאַקע דעם עולם צוליעב, ווייל דער עולם איז שטאַרק ציקאַווע, חלש'ט צו וויסען, וואָס טהוט זיך אויפ'ן הימעל דאָרט אויף יענער וועלט.

גאָר צום ערשטען האָט מיך מקבל=פנים געווען דאָרט א משונה=לאַנגע נאָז, א דיקע געשוואָלענע ווי א באַרג, פייער=רויט, א ביסעל פערבליווט, ווי א פלאָם פון אַברענענדיגען ספּירט, און אָנגעזעצט פול=און=פול מיט ווייַמפּערלעך, בעפּייכטעטע פון קוואַלען שוויים. נאָך דער נאָז האָט זיך געוויזען איהר בעל=הבית, שוועבענדיג, קוים האַלטענדיג זיך אויף די פיס, עפּיס נאָר... לוט—דאָס איז געווען דער שר=המשקים פונ'ם יין=המשומר פאַר די צדיקים, ער מיט זיין כבוד אַליין. און באַלד לאָזט זיך הערען א בת=קול ווי פון א משונה=גרויסע פוסטע פאַס: פּנו=מקום—מאַכט א וואַרע דעם גאַסט, פלוני בן סאָסיע!... א ציטערניש האָט מיך אָנגעחאַפּט דערהערענדיג דאָס קול, א ציטערניש ווי א ג'ווינעריז דער שר=המשקים האָט מיר א שמיר געגעבען איבער די

לעפּצען, אַריינגעגאָסען מיר אין מויל אַ הונדערט-גראַדוסנעם ביטערן טראָפּען, בין איך ווי ניי געבוירען געוואָרען.

— איך ווייס, זאָגט ער צו מיר, וואָס דו ווילסט, צוליעב וואָס דו ביסט אַהער געקומען. דאָס קול פון דיין שווינער בעטענדיג פאַר איהר טאָכטער, דיין ווייב די עקרה, שפּאַלט די הימלען. דאָס שפּרעכען פונ'ם טאַטער לענט איין וועלטען. מיר האָט מען עס בעפעהלען, נעהן דיר אויף קבלת-פּנים אַקעגען, שטאַרקען דיך מיט אַ ביסעל משקה און אָבפיהרען דיך ביז צו דער ערשטער אינסטאַנציע, אָדער ווי עס הייסט ביי איך דאָרט, ביז דער ערשטער קרעטשמע און אַזוי ווי דו ביסט פון די באַנק-קוועטשער, וואָס שטעהען אונטער דער השגחה פונ'ם שר-התורה, לכן מוז מען זיך ווענדען צו איהם, און ער וועט שוין דער בקשה דיינער געבען אַ גאַנג, וואוהין מען בעדאַרף... נאַ, נעהם נאָך אַביסעל „שהכל" און קום!

און באַלד טאַקע טהוט ער מיך אַ נעהם און עס טראָגט מיך, ווי אַ רוח אַ מלמד, ניך-געשווינד אַזוי, אַז עס פאַרדרעהט זיך מיר דער קאָפּ. פלוצלים טהוט עס מיך אַ וואָרף, האָפּ! און בלייב שטעהן אויף די פיס איינער אַליין און עס ווערט מיר מיט אַמאָל ליכטיג אין אַלע רמ"ח אברים. און איך הויב אויף די אויגען און דערזעה פאַר מיר אַ פּאַלאַץ ת"ק מייל די הויך, איינגאַנצען פון מירמעל-שטיין און גינגאָלד. און טויערען האָט דער פּאַלאַץ ת"ק גרויסע, און איטליכער גרויסער טויער ת"ק קליינע טויערען. צווישען איז דאָ שערי חכמה, שערי בינה, שערי תלמוד, שערי חסידות, שערי התלהבות און שערי דבקות. און פונ'ם פּאַלאַץ, זעה איך, געהען אַרויס ווי צוויי שרעקליך לאַנגע בליצען און אַ געשטאַלט פון אַ האַנד נעהמט אָן אַ הויפען שוואַרצען פייער און מאַכט כתרים צו די אותיות פון דער תורה. עס שטרויכלען זיך מיר די קנעכעל פאַר שרעק און איך פאַל אַנידער אויפ'ן פנים. און איך פיהל, אַ האַנד ריהרט מיך אָן, און איך האָרך אַ קול רופענדיג צו מיר: שטעה, זיי מוחל, אויף, בן-אדם, יפהפיה שר התורה האָט געהערט דיין שווינער'ס בקשה! און איך פיהל — אַ פראָסט געהט מיר איבער דעם גאַנצען לייב, אַ צאָהן אָהן אַ צאָהן קלאַפּט מיר פאַר קעלט, און שטעלענדיג זיך אויף די פיס דערזעה איך פאַר מיר קאַלטען מלאך, אַ שטיק אייז! — דאָס בין איך, זאָגט ער, דיין מלאך, למדן מיינער, דער מלאך פון לומדים-מתנגדים און ישיבה-בחורים,

דער אויבער-שווייצאַר פון שערי-תלמוד. קום, איך וועל דיר אָבפיהרען, ווי איך בין נעבאָטען געוואָרען, אַהין, צו לילה'ן דעם שר פון הריון, דאָס הייסט פון מעוברת-מאַכען.

און ער טהוט מיך אַ נעהם, דער קאַלטער מלאך, און טראָגט מיך געשווינד ווי אַ רוח אַ מלמד, עס עסט מיך די קעלט און איך בין אויס מענש. פלוצלים — האָפּ-האָפּ! און איך בלייב שטעהן אויף מיינע פיס, און אַ ליעבע וואַרימקייט צעגיסט זיך מיר מיט אַמאָל אין אַלע רמ"ח אברים. און איך הויב אויף די אויגען און דערזעה אַקעגען מיר אַ ת"ק-גאָרענדיגען פּאַלאַץ פון אַלע מיני איידעלשטיינער שטעהט אין אַ וואונדערשענעם גאָרטען, מיט אַלערליי שפּראָצונג: רויזען, בלומען און בוימער — אַ גלוסטונג פאַר די אויגען. און איבער זיי איינגאַנצען איז אויסגעשפּרייט אַ טונקעל-בלויער פאָרהאַנג מיט אַ גילדענער לבנה אין דערמיט און בריליאַנטענע שטערען, וואָס נעהמט זיך אויס אויפ'ן אָנבליק ווי אַ שענע זומער-נאַכט. אין דעם גאָרטען ציהען זיך אין אַלע זייטען טויזענדער אַלעען, אָפענע און פערבאָרגענע, וואו עס שפּאַצירען און קושען זיך פאַרליעבטע מלאכים, צוגיסענדיג זיך אין אַ זיסער ליבער שירה; אַמוריאל המלאך, דער שר של אהבה, געוואָפענט מיט אַ פייל-און-בויגען, שיסט, שפּיעלט זיך מיט כרובים ווי קינדער, וואָס ליגען בעהאַלטען צווישען געדיכטע צווייגען, און די פייל זיינע טרעפט, פון איטליכען שאָס שפּרינגט פונ'ם בעהעלטעניש אַרויס אַ כרוב'ל... אַ מחיה געווען צו שטעהן און קוקען, עס האָט מיך עפּיס געמאָנטעט, עפּיס נור טאַקע ווי ביים זאָגען שיר-השירים. און באַלד האָרך איך אַמוריאַל'ס קול, רופענדיג מיך ביים נאָמען: פלוני בן-סאָסיע! — הנני, זאָג איך, איך בין אָנגעברייט! — אַבי דו ביסט אָנגעברייט, איז גוט. איך שטעה שוין און קוק אויף דיר אַרויס צו דערפילען דיין בקשה. אָבזאָגענדיג מיר די דאָזיגע ווערטער, ווענדעט ער זיך צו עפּיס אַ מלאך און זאָגט: געה, עפען דעם אוצר הנשמות און ברייננ מיר פאַר דעם בן-אָדם אַ נשמה'לע אַ טשאַקענדיגע. דער מלאך געהט גיך אַוועק אין זיינע שליחות און באַלד קומט ער מיט לעדיגע הענד צוריק. וואָס איז? מען קען נישט עפענען — נישטאָ דער שליסעל! און עס ווערט אַ גערודער, ומלאכים יחפזון, מען זוכט, זוכט און מען דער-געהט זיך — אָך, ביים בויבעריקער איז דער שליסעל!... עפענט מען די לאָך אין הימעל, דורך וועלכע עס קומען אָן פון בויבעריק די תפלות. מען בעט רחמים דעם בויבעריקער, געוואַלד, גיט אַהער פאַר

אַ עקרה דעם שליסעלן נור אומזיסט די רעד, ער האַלט זיך בײַ זײַנס — נײַן, זאָל זי, די עקרה, קומען צו מיר!...

אַמוריאל ווערט שטאַרק אין כעס אויף דעם בויבעריקער, און לאָזט אויס דעם כעס צו מיר און צו אַלע יודען, נעבעך. — נישט אויסצוהאַלטען, זאָגט ער, פון איך, יודעלעך! פון אַלע אוצרות די שליסעל פערנעהמט איהר איך אין די הענד אַרײַן, אויך אונז, שרים, מיינט איהר צו מאַכען פאַר אײַערע משרתים. אומעטום זײַט איהר פול, און קיין יריד אויפ'ן הימעל איז נישטאָ אָהן איך... וואוהין קריכסט דו?! טהוט ער אויף מיר אַ הוק — דיין אָרט איז דאָרט אין דער יודישער נאַס. וואָס טהוט אַ יודעל דאָ צווישען אונז? טרײַבט איהם אַרויס...

און איך בעקום אין האַלז-און-נאַקען אײַן שטויס נאָכ'ן אַנדערען ביז איך פערליר די געדאַנקען. און אַז איך עפען דערנאָך די אויגען, זעה איך מיך ליגענדיג אין בעט, בײַ מיר אין אַלקיר, און אַרום מיר דאָס הויזגעזינד, אַלע אין איין קול: אַ געפונענער! פון טוידט לעבעדיג!... וואָס איז? הערט אַ מעשה, אַ דרײַ טעג בין איך געלעגען אין הינהער-פּלעט!

אַ מענש אין הינהער-פּלעט, ווי ס'איז בעקאַנט, זעהט אויס אינגאַנצען ווי טויט, דער גוף זײַנער איז דאָ, אויף דעם עולם, און די נשמה זײַנע, לויט ווי די וועלט זאָגט, שוועבט אין הימעל, דאָרט וואַרפט מען אויף איהם גורל, אַהין, אָדער אַהער, דאָס הייסט בלײַבען אַ דאָרטיגער, אויף יענער וועלט, אָדער אַ היגער, ווידער צוריק אויף דער וועלט. אין דער צייט פונ'ם פּלעטען, שפּאַצירט זיך דערווייל דעם מענשענ'ס נשמה פרײַ אין הימעל אַרום און זעהט זיך אָן וואונדערשענע זאַכען דאָרט. פון גאַנץ אַלטע צײַטען נאָך געהען אַרום צווישען דעם עולם און געפינען זיך אויך אין ספרים זעהר וואונדערליכע מעשיות, וואָס מענשען, געוועזענע אין הינהער-פּלעט אויפ'ן הימעל, האָבען דערצעהלט, צוריקקומענדיג פון דאָרט. רב יוסף דער זוהן פון רבי יהושע בן-לוי — דערצעהלט די גמרא — איז שטאַרק פערשלאָפט געוואָרען און געבליבען ווי טויט אין הינהער-פּלעט. אַז ער איז דערנאָך צו זיך געקומען, פרעגט איהם דער פאָטער: וואָס האָסטו דאָרט געזעהן? און דער זוהן דערצעהלט איהם, עפּיס האָט ער דאָרט געזעהן גאָר קאַפּויר — געהויבענע דאָרט זענען דאָ דערנידעריגט, און דערנידעריגטע דאָ זענען דאָרט געהויבען... און אויף דעם פאָטער'ס פרעגע, ווי

שטעהען מיר, חכמים, געלערענטע, מיר ווי זעהען אויס דאָרט? ענטפערט ער קורץ און שאַרף — דאָס אייגענס (משטיינע-געזאָגט) וואָס דאָ!... און נאָך זאַכען אַזוינע האָט ער איהם דערצעהלט.

דעריבער, אויב דער ענין פון הינהער-פּלעט איז יאָ אַזוי גרויס, ווערט קיינעם קיין וואונדער ניט זײַן, וואָס מענשען, גרויס און קליין, יונג און אַלט, זענען מיך ווי די היישרעקען בעפאַלען, אַז איך בין צו מײַנע קרעפטען געקומען, און נע'חלש'ט הערען פון מיר אַ וואָרט, איך זאָל זיי דערצעהלען, וואָס אויפ'ן הימעל פערלויפט זיך, וואָס פאָרט הערט זיך דאָרט. פאַר גרויס חשק איז די סמאַהע זיי איבער די ליפען איבערגעיאַנגען, קוקענדיג אויף מיר מיט גרויס דרך-ארץ. איך זאָל געוועזען דענסטמאָל שכל האָבען און וויסען אַ צורת מטבע, וואָס פאַר אַ ווערטה די מטבע האָט, וואָלט איך, ווי פילע אַנדערע הימעל-מענשען בײַ אונז, געמאַכט פון מײַן הינהער-פּלעט אַ געשעפט, איך וואָלט ווי יענע, דערצעהלט מעשיות, גוזמא-גוזמאות, לאָזען די בהמות הערען, זיי וואָלטען הנאה געהאַט, און איך וואָלט געגאַנגען אין גאָלד. איך אָבער בין דענסטמאָל געוועזען אַ יונגעל, געזעסען אויף קעסט, האָב חוץ דער גמרא נישט געוואוסט דעם טעם פון דער שווערער ביטערער פרנסה. דעריבער האָב איך, שוטה, מיך געהאַלטען אָן דעם אמת, דערצעהלט נאָר דאָס, וואָס איך ווייס. דאָס אייגענע טאַקי האָב איך אויך דערצעהלט אונזער רב, זאָל געזונד זײַן. און אַז ער האָט מיך ווי אַ למדן, אַ פרעג געטאָן: ווי שטעהען מיר, יודען, דאָרט? האָב איך איהם געענטפערט גוי דער אמת איז: שפּלמען טרײַבט!...

ס'איז געוועזען אַ גאָט'ס רחמנות איהם אָנצוקוקען, וואָס פאַר אַ מינע ער, נעבעך, האָט געמאַכט, אַ זיפץ נעבענדיג טיעף פונ'ם האַרצען.

ואחר הדברים האלה — און נאָך דער דאָזיגער מעשה, האָט מײַן יצר-הרע, דער חסיד, זיך שטאַרקער נאָך גענומען צו מיר מיט זײַנע גנבה'שע תנועות. לאמר, אַזוי צו זאָגען:

— היינט זעהסט דו שוין, שמייגער, ווי געריהמט און געאַכפּערט „ער", זאָל געזונד זײַן, איז אויבען דאָרט. אַדרבה זאָג, זאָג...

— אַזוי געאַכפּערט זאָלען אונזערע אַלע שונאים זײַן! — ענטפער איך שטיל, אונטער די נאָז, דערמאָנענדיג זיך אָן די זלזולים, וואָס מיר איז געקומען צו די אויערען פון יענע דאָרט.

— עט! — זאָגט ער מיר — מילא וואָס מאַכט עס וועמען אויס, אַז יענע דאָרט רעדען צווישען זיך? אָבער אַ תקיף איז „ער", אַ אותו

ביד איז „ער“, און פון די אוצרות דעם שליסעל האט „ער“, און די ברירה צו געבען האט „ער“!... נעה־ושע קיין בויבעריק! איך פערשטעה אסור נישט, וואס דיך קוועטשט!

אוי, האט מיך געקוועטשט! עס האט מיך געקוועטשט גלאט בויבעריק אליין, וואס איז מיר און איטליכען אין מיין ווינקעל אויסגעקומען עפּיס משונה־ווילד. עס האט מיך אייך געקוועטשט גלאט סתם דאס יודישע עקשנות, ובפרט נאך האט מיך געקוועטשט דאס אוועקלייגען א ביסעל אין דער זייט די גמרא, צו וועלכער איך בין פון קליינווייז אזוי געוועהנט געווען. — פון דער אנדערער זייט אבער, מוז איך זיך מודה זיין, איז מיר בויבעריק, א חוץ דעם וואס האט מיך געצוואונגען זיין דארטען וועגען מיין עסק, ביסלעכווייז אריין טאקע אין טעם און אנגעהויבען צו געפעלען. ווי ווילד, דאכט זיך, די בויבעריקער זעהען אויס, דאך גוט צוקוקענדיג זיך, געפינט מען אין זיי פיעל שעהנע מעלות. זיי זענען גרויסע בעלי־בטחון׳ס. זארג, אומעטיגקייט איז א עבירה, פע! דער בויבעריקער האט געהייסען פרעהליך זיין. זיי האלטען זיך אינאיינעם, יונג, אלט, ארעם און רייך אלע גלייך, אלע צווישען זיך אויף חברה־לשון. זיי זענען נישט אזוי טרוקען, נישט אזוי קאלט מיט פינסטערע צרות, ווי יודען פון מיין ווינקעל, זיי קענען אמאל נעהמען א ביסעל משקה און געהן א טענציל נישט דוקא פורים און שמחת־תורה, נאר פראסט אין א וואכענטאג. איך האב שוין ביי מיר געפועלט פאלגען דעם יצר־הרע, בעדארף זיך פלוצלים טרעפען אט וואס...

בעדארף פלוצלים מיין ווייב, — הערט א מעשה! — מעוברת ווערען נאר אן דעם בויבעריקער׳ס לאסקע, און האבען צוויי יונגלעך מיט א מאל!

דאס האט שוין א ביסעל אבגעשוואכט מיין יצר־הרע. בויבעריק איז דערווייל ביי מיר א ביסעל אראב אין דער זייט, און איך בין געבליבען שטעהן ווי שבת א יוד, מיט איין פוס אין דעם תחום, מיט דעם אנדערען אויף יענער זייט תחום — נישט אהער און נישט אהין!...

ספר הבהמות

ספר הבהמות

מַעֲשִׂיוֹת פוּן בְּהֵמוֹת, אַלֶערְלֵיי מִינֵי בֶּעשֶׁעפֶּענִישׁ אוּן אַלְסְדִינְג, וָואס פֶּערְלוֹיפְט זִיךְ אִין זֵייעֶר עוֹלָם.

ליעבהארצעדיגער רב מענדעלי!

איך קען מיר פארשטעלען, מיט וואס פאר א קרום פנים איהר וועט בעגעגענען דעם דאָזיגען ספר מיינעם, וועלכען איך ברייננ אייך במתנה. „סטייטש, וואס הייסט — וועט איהר מאכען פערוואונדערט, בטלנ׳דיג צו מיר, צו מיין קאָפּ חלומות — א בעל-לשון, וואס אַרבייט כל-ימיו אין דעם „וויינגאָרטען פון דער יודישער ליטעראטור", שטענדיג געהאט צו טאָן מיט יודען, געהאט מיט זיי צו זינגען און צו זאָגען, — אזעלכער זאָל פלוצלים אוועקווארפען אלסדינג, דאס וויינגאָרטען, דאס פאָלק ישראל — נאָט איך גאָר בהמות!... און גאָר חוץ אלע זאכען, ווי געשיקט זיך עס גלאַט מעשיות פון בהמות, פונ׳ם בהמה׳שען עולם?! מעשיות פון גלגולים, א שטיינער, ווי מענשען, אזוינע און אזוינע, חערען, רחמנא-לצלן, בהמות: פערד, עולען, חזירים, נישט פאר אייך געדאכט, מילא דאס איז חאָטש על-פי דרך-הטבע. מען קען עס פער-שטעהן. עס האָט זיך שוין אזוינס געטראָפען און טרעפט זיך נאָך עד-היום אין אונזערע יודישע שטעדט. אָבער מלכתחלה אמת׳ע עכטע בהמות זאָלען פיהלען, וויסען פון זייער חיות — אזוינס נעהמט דאָך נישט דער שכל. ס׳איז דאָך נאָר א געלעכטער. נישט אנדערש מאקי ער איז משוגע!"

לאָז זיין אזוי, רב מענדעלי, איך בין משוגע. איך וועל מיך נישט שפּארען; די שאלה איז אָבער, וואס פאר א מין משוגע׳נער איך בין.

א מענש קען הייסען משוגע, פארשטעהט איהר מיך, איינם פון צוויי: אדער פונ׳ם זינען נעהט אראב ער, און דער עולם איז קלאר, אדער פארקעהרט — דער עולם נעהט פונ׳ם זינען אראב, און ער איינער איז קלאר. דען דער שגעון פון א וועלט הייסט סדר-עולם. יענעם, וואס אין דער מאדע, עם מעג זיך זיין קרום. איז גלייך. משוגע איז דער יחיד טאקי סי-ווי-סי, אין ביידע פעלען. דער חילוק איז נישט מעהר אט אין דעם: אין ערשטען פאל איז ער א עלטער משוגענער, וואס משוגע הייסט. אין דעם צווייטען פאל אקעגען איז ער נאר א נ ע מ א כ ט ע ר. און דאס, פארשטעהט איהר מיך, מאכט זעהר פיעל אוים. מיין שגעון איז — אזוי וויל איך מיר גלויבען — וואס איך בין נישט משוגע גלייך מיט אנדערע. דאס הייסט, וואס איך רעד נישט מיט דעם עולם איינע רעד, איינע ווערטער, נישט קוקענדיק אויף דער מאדע. אודאי איז דאס א נארישקייט. א מענש — זאגען די פילוסופין — איז בטבע א חברה-מאן... אינאיינעם מיט חברה איז תמיד גוט. ס׳איז דא אי כבוד, אי צוליעבזאכען: דו מיר... פארשטעהסט דו מיך, און איך דיר... פארשטעהסט דו מיך. הכלל, דערלעגען דערלעגט מען נישט. — יא, זעהר גוט. נאר וואס טהוט מען אבער, אז מען וויל אונטער-באמקען און עס נעהט נישט! אז אינוועניג אין דיר זיצט עפּיס ווי א שומר, וואס אבי עס דאכט זיך איהם ביי דיר עפּיס א חכמה׳לע, מאכט ער: שא! עפּים א תנועה׳לע — לאזט ער דיך נישט פון דאנען אהין...

דערקלערען זיך דא פאר אייך — אך! נאר ציהט מיך נישט, רב מענדעלי, פאר דער צונג, צו דערקלערען אלצדינג ריין, שארף ביז איטליכם פיצעלע, נישט פארשטעלט. איבעריג, כ׳לעבען! מיר יודען פארשטעהען זיך אויפ׳ן ווינק. איין ווארט, אמאל, נישט דערערדט, נישט געענדיגט, א סמארע מיט דער נאז, א דרעה מיט׳ן פינגער, זאגט ביי אונז מעהר ווי ביי די אומות העולם א גאנצער ספר. ביי וועמען פון זיי איז דא אזוי פיעל ראשי-תיבות, וואס ברעכען דעם מוח, אזוי פיעל ווערטער מיט פינטלעך אויף שטארקע אנצוהערעניש צו געבען, ווי ביי אונז! אויף איין אות, וואס דעם, יענעם דאכט זיך איבעריג, שטעהען אנגעבויט גאנצע בערג יודישקייט. איהר פארשטעהט! בערג הענגען אין דער לופטען אויף א האר, יודען אין דער לופטען אויף זיי, באמבלען זיך מים אויבער-הסברות אהין אהער, א שרעק!... אט אזוי איז דער שטייגער רעדען ביי אונז: דרינגעניש, אנשטויסעניש, עפּים

גלאט אהן ווערטער — אי... בע... עט... אנגעהויבען עפּים און וגו׳ א האלב ווארט און וכו׳, ענדיגען ענדיג דיר, זיי מוחל, דו מיט דיין כבוד אליין. ודו״ל — דו ביסט נישט קליין צו טרעפען. נישקשה וואס מען מיינט.

מילא, הערט-זשע, רב מענדעלי!

יא, אקעגען דעם, וואס מעלתו זאגט — ״וויינגארטען, , טהוט זיך עס דארט היינט אביסעל, אי-אי-אי! נאר נישט דער וואס פריער. מילא ריינקייט, שענקייט... בין איך מוחל — נארישקייטען! אבער וואו איז דאס רוהיגקייט, דער געקליבענער עולם דארט וואס א מאל? היינט איז כל-דכפין — אריין! צוגלייך מיט די געהויבענע, פארנעהמסטע לייט דארט, אויך קינד און קייט, אהן עין-הרע. עס הילכט, עס סווישטשעט פון איטליכם ווינקעלע, נייע פייגעלעך — נייע ניגונים; נייע ג ר י ל ע ן — נייע גרילצעניש. עפּים רעדט מען מיני דבורים, עפּים וויל מען, וויל מען... וואס? שווער צו זאגען. בע! עפּים הארבליך אביסעל זייער לשון. ווי עס זעהט אוים, זענען זיי עפּים אנגעדרודעלט. פאר וואס? קיין יודישע נשמה קען מען נישט שאצען, טסתמא וויסען זיי פאר וואס נאר אויף וויפיעל ס׳איז מעגליך צו פארשטעהן, דאכט זיך, אז זיי זענען גאר נישט אזעלכע בייזע... ווי זיי זעהען אוים. די אלע דבורים זענען נישט פון זייער קאפּ, חלילה. דאס האבען זיי גענאשט ביי יענע, להבדיל, דארט, וואס היינט אין דער מאדע. די גאנצע זאך נישט מעהר איז, וואס ביי יענע איז דאס נאך עט... צו דערליידן: ביי אונזערע אבער האט עס, משטיינס-געזאגט, א פנים ווי א פאריזער מאדע ווערט פערטראגען, אז אה-און-וועה צו איהר, צו יודישע מיידלעך, דינסטמיידלעך ערגיץ אין א יהופעץ. הכלל, ס׳איז ליהודים.

דאך בין איך מיר נעגאנגען מיין וועג — שא, גאר נישט, גלייך ווי מיר איז פארלענגט די אויערען. אדרבה, נאך אבשטעלען זיך גאר א מאל אין דער זייט דארט און הארכען אויף ציקאוועשטש, בשעת א גרוים דולעניש צווישען עלטערע, געלערענטע איבער היינטיגע משיח׳ס-צייטען, א שטייגער, חאטש ס׳איז א ביסעל פארשטעלט, ארץ-ישראל הייסט עס, עפּים נישט דערזאגט, האלבע ווערטער, ראשי-תיבות: א״י, א״י מיט פינטעלעך, וואס ווערט געטייטשט מיט ל״ב פירושים. א י נ ע ר א שטייגער, איז אויסען נישט אזוי א״י, גלאט פשוט מגושם ארץ-ישראל, ווי דאס פינטעלע דריגען. דער שפּיץ איינגאנצען, וואס שטעקט און מוז שטעקען דרינען, איז אט-א דאס — דאס פינטעלע

יודישקייט, די גאַנצע חכמה, ווי הייסט מען עס, פֿאַרשטעהט איהר מיך. אײ, הייסט עס, האָט דעם יודישען טעם, מען בעדאַרף עס פֿיהלען ווי עפּיס אַ רוחניות. עס האָט אין זיך אַזוינס, עפּיס אַזוינס... וואָס כמעט נאָר פֿאַר דער נשמה, אַנדערש לאָזט זיך עס נישט טײַטשען... קומט נאָך איינער און זאָגט אויף פּינטעלע טאַקי, נאָר אײַ איז בע.. לאו דוקא, פֿאַרשטעהט איהר מיך, וואָס לאו דוקא הייסט. אַי איז דאָך די קשיא, אַז נישטאָ קיין אָרט, אויף וואָס-זשע שטעלען דאָס פּינטעלע? — די וועלט, נישקשה, איז גרויס, ס'איז גענוג פּלאַץ דאָרט פֿאַר איהם אויך. מען בעדאַרף נאָר האַלטען זיך במעלה און זיך מאַכען האַרץ. אַי וואָס — וואָס, וואָס? מען בעדאַרף מורא האָבען... נישקשה, נישקשה! נאַרישע מענשען! זאָגען אַ טײַל. יאָ אײַ, טאַקי אײַ, נאָר דערצו בעדאַרף מען פֿריהער גוט טאַקי זיך קוועטשען. וואָס מיינט איהר קוועטשען? — קוועטשען די באַנק, גערן אין חדר אַריין!... דאָס מיינט מען עפּיס קולטורע, ווי הייסט עס בײַ זיי היינט, השכלה אויף דעם נייעם שניט, פֿאַרשטעהט איהר מיך. — נאָך אַ טײַל מענשען, גאָר אָהן חכמות, אָהן מלאָכות, מאַכען: עט! נאַט אײַך אַ גראָשען, אַ פֿערציגער הייסט עס, און אײַ, כּ'ילעבען! וואָס נאָך? — אַ תּנועה אַביסעל פֿון יודען, אַ האַרטען פֿערציגער דערפֿאַר אײַנגאַנצען, איהר פֿאַרשטעהט? — נאָר ווי די מעשה איז, אַזוי צו אַזוי, וואָס קען עס מיך אַזאַ געשרײַ, אַזאַ איקערײַ אַרען? לאָז זיך מיר דאַכטען — אַ קלייזעל...

איך שפּאַציר מיר אַזוי איינמאָל אין „ווײַנגאָרטען", ווי דער שטײַגער מײַנער איז, ביחידות, אויף וועגעלעך, וואו נישט אַלע געהען, צוקוקענדיג מיך פֿון דערווײַטענס צום עולם, בעטראַכטענדיג דאָס, יענס, פּאַמעליך, פּאַמעליך, זיך נישט געיאָגט, נעהאָפּט, און פֿערטיפֿענדיג זיך אַ מאָל אויך אין די געדאַנקען. פּלוצלים קומט מיר צו די אויערן אַ האַמפּעריײַ, קולות פֿון אַ סך מײַלער, דער געזאָגט, יענער געזאָגט, אַלע אינאיינעם עפּיס אַזוי:

— משכּילים!... אַסימיליאַטאָרעם!

— זעכציגער, זיבּציגער יאָהרען!

— געמיינט השכלה, האָבען זיי, אַ סגולה צו די צרות.

— וואָס געטאָן די משכּילים פֿריהער?

— פֿאַר'ן פֿאָלק וואָס געטאָן?

איך שטוים מיך שוין אָן, וואָס דאָס בעדײַט. — דאָס רעכענען זיך אַ אָב קינדער מיט טאַטעס, דער נייער דור מיט דעם אַלטען. עס

פֿערדריסט מיך שוין טאַקי אויף זיי, אויף די היינטיגע הייסט עס. הע-הע. זידלערײַצן! נישט צו פֿאַרשטעהן פֿון טאָג צו נאַכט — אַז דענסטמאָל האָט ערשט אָנגעהויבען צו טאָגען, נאָך אַזאַ לאַנגער פֿינסטערער נאַכט צו טאָגען! נישט וויסענדיג זיך צו מאַכען פּונ'ם חילוק פֿון היינט ביז אַ מאָל — אַז אַנדערע צײַטען — אַנדערע וועהטאָגען, אַנדערע וועה-טאָגען — אַנדערע סגולות. אַז צו מענשליכע צרות איבערהויפּט איז בילדונג פֿאַררעכענט געוועזען דענסטמאָל פֿאַר דאָס איינציגע מיטעל בײַ דער גאַנצער וועלט בכלל. נישט צו בעטראַכטען די ביטערע לאַגע, אין וועלכער די בידנע משכּילים, נעבעך, האָבען דענסטמאָל זיך געפֿונען, צווישען אַ עולם, וואָס איז בערייט געוועזען פֿאַר אַ מינדסטע זאַך, עפּיס נישט אַזוי ווי בײַ איהם איז איינגערעדט, זיי צערײַסען אויף שטיקער, אוי, האָבען זיי דענסטמאָל, נעבעך, געליטען! און נאָך פֿאַר וואָס? פֿאַר'ן תּנ"ך, דקדוק, לשון געליטען!... אויף בוידעמס, אין קעלערס, לעכער, חורבות האָבען זיי געלערענט. די שנאה פֿון אַלע זײַטען, איז גרויס, סכּנות, נויט, אָרעמקייט — אַ שרעק, און זיי פֿונדעסטוועגען טהוען זייערס, דערגרייכען אַ סך. דעם פֿונדאַמענט צו אונזער איצטיגען צו-שטאַנד געלעגט האָט ווער? — זיי! גאַזעטען, שפּראַכע, השכּלה-ספרים האָבען מיט זייער אָנהויב צו פֿערדאַנקען וועמען? — זיי, זיי שאַ, פֿון איהר קינדערלעך, פֿון וואַנען האָט איהר זיך גענומען? פֿון וואַ-נען די אַלע היי-טיגע חכמים, גרויסע קעפּ, בריות-מענשען, ווען די טאַטעס, די משכּילים, פֿאַר זיי וואָלטען זיך נישט געוועזען מיהען?... אַי-וואָס, יענע מיני פֿאַרשוינען דענסטמאָל, קריכער, אַסימיליאַטאָרען הייסט עס? קראָפּיווע זייעט מען נישט, עס וואַקסט אַליין. אַזעלכע וואַקסען אומעטום אין אַלע צײַטען. קאָרג, אַ שטייגער, זענען זיי דאָ צווישען אײַך, היינט טאַקי?...

נאָך מעהר פֿערדראָס איז אָבער, וואָס דער גאַנצער „הכצעקתה" איז גאָר אַ איבעריגע זאַך. איהר ווילט עפּיס טאָן פֿאַר'ן פֿאָלק? — אָך, קינדערלעך, מהיכא-תיתי! צו וואָס-זשע איז אַזוי דאָס פֿייער. דאָס זידלען זיך, דאָס קלאָגען זיך אויף די טאַטעס, מאַכען זיי אויסצודרעהען? שוין נישט זאָגען, פֿאַר וואָס קומט עס זיי אַזוינס, פֿרעג איך נישט מעהר: צו-וואָס, טאָמער ווייסט איהר, בעדאַרף מען עס? אפשר אויף אויסצופֿיינען זיך דערמיט פֿאַר'ן עולם: גאָט זעהט, הייסט עס, ווי מען טהוט תּשובה, מען שלאָגט זיך „אָשמנו" פֿאַר דעם חטא פֿון השכּלה, פֿאַר די זינד פֿון טאַטעס, אַלטע משכּילים? — אָט, כ'לעבען! לאַ-די

וואָס דער עולם וועט נישט גלויבען, ווייל די אויגען זענען איהם נאָך נישט אַרויסגעקראָכען, נישקשה, צו זעהן די אַלטע זינד פון די פאָטערס אויך ביי די קינדער, וועט ער נאָך, צוטאַכענדיג, מחילה, די נאָז, זאָגען: פע! אויף דעם אָרט וואו די בעלי־תשובות שטעהען קענען אמת'ע צדיקים טאַקי נישט איינשטעהן... אלא וואָס דען־זשע בעדאַרף מען עס? — גאָר נישט!

גלאַט אַזוי זיך, פייערן, פילדערן. מה נאמר ומה נדבר, ס'איז מאַקי מעשה יוד. צוהיצט זיך אַ יוד, דענסטמאָל — אָ, אַזאַ'ס! רעדט ער און דערט אפילו אויף „ננתקה" אויך. לעבצט אַ יוד נאָך כבוד, מוז ער דערווייל מאַכען צו נישט אַנדערע. ביי איהם איז ישר והפוך — אַ גערעדט אַזוי, אַ דאָס איינענע פאַרקעהרט; אַ אַ הייב אַרויף, אַ אַ וואָרף אַראָב; אַ מאַכען זיך אויס זיין יחוס, זכות אָבות, אַ גאַנצען צימעס, אַ אויסמאַכען עס צו גלייכער צייט. און ווי עס דאַכט זיך, פיהלט ער עפּיס נאָר אַ בעזונדער מין משונה פערגעניגען אין מבטל זיין די וויניגע און דאָס וויניגע, אין דעם שנייצען, ווי זאָגט מען עפּיס, די נאָז און שמירען דעם פנים. איינגעהמען תענוג פון מבטל־זיך־זיין, פון קיין פנים־נישט־האָבען — אַזוינס קענען נאָר טאַקי מיר יודען!...

עס צושפּילען זיך אין מיר פאַר גרוים פערדראָס די געבליטען. עס רייסען זיך מיר אויף דער צונג טיעף פונ'ם האַרצען ווערטער, רעדען ווילט זיך מיר, רעדען — און דאַכט זיך טאַקי: אָט שטעה איך פאַר'ן עולם, זאָג און שריי ווי אַ נביא מיט דעם בעקאַנטען טרויערדיגען ניגון: הוי, וועה־געשריגען אויף די, וואָס קענען אַנדערש נישט גילטען פאַר גוט און פרום, פאַר חכמים און פיינע־בריות, כּיז זיי מאַכען נישט אַ תל פון יענע! הוי, וועה־געשריגען אויף בריה'שאַפט זיך צוהיצען, צופלאַקערן; אויף גיכע אָנצינדעניש און אויף גיכע אָבקיהלעניש!... הוי, וועה־געשריגען אויף... נאָר באַלד טהו איך מיר אַ כאַפּ — — אוי, חלומות! איך איינער אַליין געה דאָ אויף דעם ווענעלע. וואו עולם? נישטאָ קיין עולם!...

שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו הערען דאָרט אין זעם „ווינ־נאָרטען" קולות, געשרייען נאָך שטאַרקערע ווי פריהער. מיינסטענס איבער לאומיות — אַ שפּאָגעל־ניי וואָרט אַזוינס, נישט דערהערט געוואָרען אַ מאָל ביי אבות־אבותינו. הייסען זאָל עס איינגעטליך הייסען לאומיות כּמו אַזוי ווי גויות (לאום און גוי האָבען דאָך איין טייטש: פאָלק, נאַציע), דאָס הייסט, פאַרשטעהט איהר מיך — ווי זאָל איך עס זאָגען? —

עפּיס אַזוי: פאָלק איז פאָלק און רעליגיע איז רעליגיע. צוויי בעזונדערע זאַכען, ווי ביי זיי, להבדיל, וואָס ביי יודען גאָר נישט צו פאַרשטעהן! מסביר צו זיין עס אַביסעל, מוז איך נעבראויכען עטליכע ווערטער חקירה, זאָל מיך גאָט נישט שטראָפען פאַר די זינד. שרעקט זיך נישט, רב מענדעלי, טאַקי נאָר עטליכע ווערטער, נישט מעהר, ווי איך בין אַ יוד!

דת ביי אונז יודישע קינדער, פאַרשטעהט איהר מיך, איז נישט דאָס, וואָס ביי אַנדערע פעלקער אמונה, גלויבען, רעליגיע — הימעל־זאַכען, יענע וועלט; נאָר וואָס דען? גוטע, קלוגע, געראָכטע געזעצען, אין לעבען אַריין נויטיגע זאַכען, טאַקי דאָ אויף דער וועלט, און אויך געבאָט, וואָס זענען געשטעלט אויף היסטאָרישע, געשעהענע זאַכען, פון אַ זכר וועגען. אַזעלכע געזעצען, אַזעלכע געבאָט דריקען אויס און דערהאַלטען דאָס לעבען אי דעם גייסט פונ'ם פאָלק. דת און לאומיות זענען דעריבער ביי אונז איינס. איטליכער אין דעם טמען יודישקייט איז, וויסענדיג נישט וויסענדיג, ווילענדיג נישט זילענדיג, אַ יוד, אַ לאומי, „קודשאָ־בריך־הוא, ישראל און די תורה זענען איינס" — אַזוי זאָגען אויך אונזערע הייליגע חכמים. — קורץ און שאַרף!

נאָר גאַנץ פשוט, גאָר אָהן אַלע חקירות לאָזט זיך נישט פערגלייכען דאָס, וואָס ביי יודען, מיט דעם, וואָס ביי אַנדערע פעלקער. פעלקער ביי זיך אין לאַנד, פערזאָרגט מיט אַלע נויטיגע זאַכען צום לעבען, זיי מעגען אמונה און לאומיות טיילען און קענען עס טאַקי טיילען. זיי האָבען וואָס צו טיילען — ס'איז דאָ אי וואָס צו נאָט, אי וואָס צו לייט; אָבער יודען... זיי טהאָרען נישט און קענען נישט טיילען, דען וואָס האָבען יודען, משטיינס־געזאָגט, אין גלות? און וואָס זאָל עס בעשטעהן פאַר זיך אַליין, גלאַט יודישקייט, לאומיות, ווי הייסט מען עס ביי זיי היינט, אַז נישט דאָס, נישט יענס, אַז קיין זאַך נישט ווי ביי לייטען? איהר פאַרשטעהט דאָך וואָס מען מיינט... גלאַט לאומיות דאָ אין גלות, אָבגעטיילט פאַר זיך בעזונדער פונ'ם דת, איז דאָך עפּיס אַ וואָרט נישט צו פאַרשטעהן. פאָרט וואָס זאָל עס אַזוינס זיין, אין וואָס זאָל עס בעשטעהן?

— לאומיות בעשטעהט — אַזוי שרייט מען היינט ביי אונז אין איין קול — אין לשון, היסטאָריע!

אָהאַ, אין לשון! פקוד, פקדתי, הייסט עס. הערט אַ מעשה, אין

לייענען היסטאָריע!... אָט דאָס גאָר! אָט דרינען בעשטעהט עס איינגאַנצען דאָס פייער, דער ברען! א נס, כ׳לעבען, וואָס די היינטיגע האָבען זיך, מחילה, פאַרשפעטיגט, זיי זאָלען זיך געווען אונטערדוקען מיט זייער חקירה אין יענע פריהערדיגע צייטען, און מען זאָל זיי געזען, חלילה, הערען, וואָלט פון יודען שוין לאַנג קיין זכר נישט איבערגעבליבען. פאַר דעם לשון און היסטאָריע, משטיינס־געזאָגט, וואָלט קיינער פון יודישע קינדער, זיי אודאי נישט, זיך נישט מוסר נפש געווען.

לשון, מהיכא־תיתי! א טייערע זאַך. נאָר גוט מיט עפּיס דערצו, פאַרשטעהט איהר מיך, מיט אַשטיקעל אייגענס מ אַ י אָ נ ט ע ק, א שטיינער, וואו דו ביסט א פּריץ און ד י י ן וו אָ ר ט דאָרטען גילט. אז דאָס אָבער נישט, נישטאָ פאַר איהם, פאַר דעם לשון דיינעם הייסט עס, קיין אָרט, קיין געברויך — נישט אין מאַרק, אין קלייט, אין קאַנטאָר, אין דער פרנסה, בעוונותינו הרבים, און ערגיץ נישט אין דעם לעבען, — וואו־זשע! בלייבט דאָך איהם איבער דאָס אייציגע נאָר די שיהל. איז דאָס אייציגע אָנשפאַרעניש זיינס העגגט, נעבעך, אין דעם חומשיל, תנ״ך׳ל, אין דעם סדור׳ל, מחזור׳ל און אַנדערע הייליגע ספרים, אין וועלכע דער יוד ליגט איינגאַנצען מיט די ביינער, מיט לייב און לעבען און זיינע אַלע געדאַנקען, אין וועלכע ער געפינט פאַר זיך טרייסט, פול זאַכען, געבאָט אַזוינע איף־צו־וועקען און קרעפּטיגען אין איהם זיינע נאַציאָנאַלע געפיהלען. טאַקי איינגאַנצען וואָס דיין לשון, נעבעך, האָט זיך דערהאַלטען און האַלט זיך נאָך אין גלות אַצונד, האָט עס צו פערדאַנקען נאָר זיי, אָט די אַלע זאַכען — דאָס לעבען, די נשמה פונ׳ם יודישקייט. נעהמט צו דאָס, דאָס הייסט, מען רוקט זיי אָב אַביסעלע אין דער זייט, מען גיט דערפון, ווי אויף א רפואה, א קאָווע־לעפעלע א שעה — נעהמט מען ביי איהם צו, ביים לשון הייסט עס, די נשמה. אָהן אַזא אָנשפאַרעניש דאָ, אין גלות, נאָר גלאַט פאַר זיך אַליין, וועט עס, פריהער אָדער שפּעטער אַביסעל, ווכער פאַלען.

אוי, די מעטאָדעס, די מעטאָדעס! דאָס איז פאַר דעם לשון סם, דאָס אייגענע וואָס פאַר דעם פיש די יבשה. אוי, די יבשה — די טרוקענע אָהן גייסט, די וואָלעדיגע אָהן הייליגקייט, מעטאָדעס!... אָנגענומען, זיי דינען גרינגער אויסצולערנען די שפּראַכע, אָבער אַקעגען דעם דינען זיי אויך, נאָך גרינגער זי צו פאַרגעסען. ראשית חכמה טוו

מען דאָס הארץ, באַלד טאַקי אין אָנהויב, לאָזען פיהלען דעם הייליגען געטליכען גייסט. אָט דאָס ערשט קען דינען פאַר א גרונט פאַר׳ן לשון, עס זאָל שפּראָצען, וואַקסען און געבען פירות; אָהן דעם אָבער וועט זיך עס ווי גראָז נישט לאַנג האַלטען. בפרט היינט, אז פון אַרום און אַרום בלאָזען שטאַרקע ווינטען און רייסען אויס אין דעם יודישקייט פיעל זאַכען, וואָס נישט פעסט דאָרט איינגעוואָרצעלט... לאָז נור אַוועקגעהן א שטיקעל צייט, וועט זיך אַרויסווייזען, צו עס איז פאַר איהם א לעבען, ווי די היינטיגע זאָגען, אָדער, הלואי איך זאָל ליגען זאָגען, נאָר אַ טויט.

— למאי אונגאַריש, פּויליש, טשעכיש און דאָסגלייכען! — שריי׳ען דאָרט יענע לייט, נעהמענדיג זיך געשמאַק קודם־כל צוארבייטען, מאַכען א לשון.

עס ווילט זיך מיר שטאַרק זיי עפּיס זאָגען, נאָר ביי מיר איז אָבער געווען אָבגעמאַכט, איינהאַלטען זיך ווי וויט מעגליך, נישט אָנרופען זיך מיט א וואָרט. און צוקיהלען מיר דאָס האַרץ געהם איך מיך אויס׳טענה׳ן מיט זיי אין די געדאַנקען. רעדענדיג פאַר מיר און פאַר זיי, ווי דער שטייגער איז פון א מענשען א מאָל נאָך א שלעכטע בענענעניש מיט עמיצען.

— רבותי! — מאַך איך טראַכטענדיג ביי מיר — וואָס איז דאָס פאַר א פערגלייך! מען בעדאַרף זיין בלינד, נישט צו זעהן דעם וויטען חילוק פון אונז צו יענע. אם־ירצה־השם, אויף זייער אָרט, אין זייער שטאַנד, וועט עס ביי אונז זיין אויך אַזוי, אפשר פיעל מאָל בעסער נאָך ווי ביי זיי.

— דאָס איז דאָך אָבער א סגולה, לשון, מעטאָדעס, הייסט עס, פאַר אונזערע קנעכט, פאַר אונזערע קריכער און זייערע קינדער — לאָז איך זיי טענה׳ן, רעדען אַקעגען מיר.

— חכמים! — טהו איך זיי אונטער די אויגען א פּיק — דאָס איז אַזאַ מיטעל ווי אָנשיטען זאַלץ א פייגעלע אויפ׳ן ווייידעלע כדי עס צוחאַפּען. משוגע וועלען יענע זיין, קריכען אייך אין די הענד אַריין, איהר זאָלט מיט אַזוינע מיטעל מתקן זיין זייער נשמה, מאַכען זיי פאַר יודען, בפרט אז די מיטעל אַליין טויגען נאָך דערצו אויך נישט. מעטאָדעס און גלאַט לשון, אָהן דעם הייליגען יודישען גייסט, דערצו נאָך אָהן א שום געברויך אין דעם לעבען, איז דער פרנסה, זענען דאָס

איינגע וואָס א טויטען באַנקעס... איהר הערט ! איהר מענש, נישקשה, צורעכנען דערצו אויך היסטאָריע.

— אי, אי, יודישע קינדער ! — לאָז איך זיי שרייען, אָנחאַפּענדיג זיך ביים קאָפּ — ס׳איז דאָך עפּיס א שרעק ! אוים היסטאָריע, אוים זכרון, א מענש זאָל נישט געדענקען, וואָס מיט איהם א מאָל ! היסטאָריע— דאָס איז דאָך דער זכרון פון א פאָלק. דאָס איז א קול פון עלטערן, וואָהרנונגען און לעהרנונגען ; א פערצייכעניש פון זאכען, געשעהענישען, איינפיהרונגען פאַרצייטען.

— דאָס אַלסדינג העלפט אָבער אזוי ווי א ארבעס צו דער וואַנד ! — ענטפער איך אָב צוריק ביי זיך טאַקי אין די געדאַנקען — מען הערט און מען טהוט נישט וואָס מען הערט, אָדער מען טהוט און מען הערט נישט. יענעמס נסיונות זענען נישט קיין תורה פאַר אַנדערע, נעכטיגע — טויגען נישט מאָרגען. קינדער האַלטען זיך קליגער פון די טאַטעס. שאַ, איהר אַליין טאַקי בעריהמט זיך דאָך מיט אַייער יונגקייט, דערמיט אַליין וואָס איהר זייט יונגע לייט, און רעכענט זיך אָב מיט עלטערע ווי מיט א טאַטען !... אַלטקייט איז א עבירה שוין דערפאַר וואָס ס׳איז אלט. חייסט איהר-זשע נישט, אז יונגקייט איז נישט אייביג, אָט-אָט ווערט איהר אַלט און שפּעטערדיגע יונגע לייט וועלען אוים אַייך שפּאָטען ! מעגליך, איהר ווייסט, דער נסיון איז פאַר אַייערע אויגען, עס ליגט אייך אין זכרון און עס העלפט פאָרט נישט דער זכרון. ס׳איז נאָך באמת דאָ עפּיס א גאַנצע דרעהעניש. געדענקען און הערען — הייסט דאָך בלייבען שטעהן, אויף איין שטאַנד, נישט רידהרען זיך פונ׳ם אָרט. פּע ! — אלא, וואָס דען, אַלץ ווייטער געהן, דאָס הייסט, געדענקען און נישט הערען, קומט דאָך אוים עפּיס אַזוי משונה ווי א שטעהן און א געהןביידע אינאיינעם ! צו וואָס געדענקען, צו וואָס דער גאַנצער זכרון, ער זאָל זיך נור באָמבלען אונטער די פים און שווער מאַכען דאָס געהן ? שוין פּיעל גלייכער אזוי : נישט געדענקען און נישט הערען. און געוועהנטליך קומען טאַקי פאָר אין דעם לעבען. אָט יענע מאַכערס, א שטייגער, וואָס ווייסען נישט, הערען נישט א וועלט און טהוען, ארבייטען מעשים...

— פילוסופיאָ ! — לעג איך זיי אין מויל אַריין, אויף אָבצוזידלען מיך כלומר׳שט, אזאַ וואָרט, וואָס הייסט ביי דער וועלט אַזוי פּיעל ווי נאַרישקייטען, מעשה מלמד. אוז דאָך האָט איטליכער, אויף ווען עם

איז געוואָגט געוואָרען, דערפון ביי זיך אין האַרצען הנאָה — גלאַט אין דער וועלט אַריין פילוסופיאָ, זייטיגע זאַכען. אַהער בעסער מיט אונזערס, מיט יודישע היסטאָריע ! זי דערפרישט, הייכט און בעשענט, זי גיט צו א שטיק געזונד, כח און לעבען.

— מיט וואָס ?

— סטייטש מיט וואָס ! מיט אַגאַנץ צעטעל פון תנאים, אַמוראים, גאונים, רבנים, ראָשי-ישיבות, מורי-הוראות, דיינים, פּרוסטע כשר׳ע יודען און מחברים כל-המינים.

— מהיכאָ-תיתי ! אויב אָט דאָס-אָ הייסט און קען הייסען היסטאָריע, איז עס נאָך גוט פאַר אזעלכע, פאַר וועלכע עס זענען אָפען די ספרים פון יענע אלע לייט דאָ אין דעם צעטעל, הגם זיי קענען זעהר גוט זיין דאָס וואָס זיי זענען, אויך אָהן אזאַ היסטאָריע ; פאַר אזעלכע, ביי וועלכע די דאָזיגע אַלע לייט מיט זייערע ספרים זענען שטאַרק בחשיבות און האָבען א גרויסע ווירקונג, א דעה אין זייער לעבען. ווען אָבער נישט דאָס, וואָס קען דען אזאַ היסטאָריע, גלאַט א צעטעל נעמען אַליין עפּיס געבען ? — גאָר נישט ! נישט איין זאך פון די, וואָס איהר חילט. מען קען זיך איבערקוקען דאָס גאַנצע צעטעל, אויב מען וויל, און בלייבען טאַקי קאַלט ווי אייז. אויף דערויף אַליין האַלטען זיך איז דאָס יודישקייט א בלאָז ! און באמת טאַקי, וואָס פאַר א אינטערעס, וואָס פאַר געפיהלען פון ליעבשאַפט צו זיך קענען ביי יענע אין האַרץ אויפוועקען אזעלכע לייט, וואָס קומען זיי אוים אָבּיסעל משונה ווילדליך, עפּיס גאָר ווי פון א אנדער וועלט ? קדושים אפילו, די אלע גרויסע צרות, רדיפות, דערנידערונגען, געברענטע געבראָטענע לייד, מיט וועלכע אונזער היסטאָריע איז אזוי רייך, איז אויך אַ קנאַפּער מיטעל צו מאַכען דערמיט יענע קאַלטע פאַר הייסע יודען. דערפרישען, הייכען און בעשענען, מיינט איהר דערמיט — אדרבה ! עס קען נאָך אויף זיי ווירקען פונקט פערקעהרט. זיי קענען, לייענענדיג עס, גאָר פערדרעהען די נעז, טראַכטען : נו, א פאָלק !... אויף צרות, אויף אומגליק נאָר אַזאַ פאָלק, וואָס איז צו שאַנד, צו שפּאָט אין אלע ערטער און אלע צייטען. גלייכער די תרפות-בזיונות, די אַלע צרות און דערנידערונגען צו פאַרדעקען, שאַ, לאָזען עס חאָטש אַנדערע היינט נישט הערען, לאָז מען נישט זאָגען : קנעכט, אַקעגען דעם וואָס פריהער זייט איהר היינט פּריצים ! אויך אונזערע קינדער לאָזען עס נישט וויסען. צו וואָס פערגיפטען דערמיט זייער לעבען, קרענקען, שוואַך מאַכען זיי

מיט מעשיות פון ביטערען גלות, דערשטיקען אין זיי דעם מענשליכען שטאָלץ און צונעהמען ביי זיי דעם מוטה אין די יונגע יאָהרען ?...

יאָ, ס'איז גאָר אַ שאלה אויב אַ לעבען פון אַ פאָלק אין דעם לאַנגען גלות, וואו עס לעבט-זיך, טהוט זיך נישט מיט זיין אייגענעם ווילען, נאָר מיט יענעמס, נישט ווי עס ווילט זיך, נאָר ווי עס לאָזט זיך; וואו די לאַנגע זיינע ענדערט זיך תמיד ווי דאָס וועטער נאָך די ווינטען, וואָס בלאָזען פון פערשיעדענע זייטען; וואו באַלד גיט עס איהם אַ טראָג אין דער לופטען און באַלד אַ וואָרף אין דער ערד אריין, הײַנט פערוואַרפט עס איהם ווי אַ בלעטיל אַהין און מאָרגען אַהער — אָט אַזאַ לעבען, משטיינס-געזאָגט, פון אַזאַ פאָלק איז די שאלה, אויב עס קען נאָר הייסען היסטאָריע... עס האָט אַ פנים טאַקי נאָר ווי עפּיס אַ שלע-פער, אַ בעבּלער רעכענט און פערשרייבט די צאָהל הייזער, פון וועלכע מען האָט איהם אַרויסגעטריבען, די צאָהל משרתים, לאָקייען, וואָס האָבען איהם אַרויסבעגלייט, און די קלעפּ, די הייסע פעטש, וועלכע ער האָט דערביי פון זיי געחאַפּט, פינקטליך אַקוראַט, נישט צופאַרפעהלען נישט איינם פון זיי, חלילה!...

היסטאָריע און לשון קענען זיין דאָס, וואָס זיי בעדאַרפען זיין, ערשט דענסטמאָל, ווען זיי ווערען געמאַכט און האָבען אַ געברויך ביים פאָלק, ווען זיי געהען אין דער וועלט מיט איהם און דורך איהם, בשעת ער, דאָס פאָלק הייסט עס, הענגט אָב פון זיך, פון זיין ווילען, טהוט, אַרבייט, און ווייסט צו זאָגען פון זיין לעבען... דערווייל אין גלות, איז לשון — לשון-קודש (הייליג צוליעב די הייליגע ספרים) נישט פשוט, פאַר זיך אַליין לשון, און היסטאָריע — אוי, אויף שונאי-ציון געזאָגט געוואָרען!...

— הערסט-דו, אָט דאָס טאַקי שרייען מיר דאָך: ציון! — — —

דאָס אויס׳טענה׳ן זיך אין די געדאַנקען איז מיר אַצונד קאַרג. װאָס העלפט דיין טראַכטען, דיין פערבאָרגענע חכמה אינוועניג אין זיך, בשעת די אומשטענדען פאָדערען, יענעם פריי טאַקי זיי אַרויסצוזאָגען? רעד, לאָז מען הערען! — עס ווערט אין מיר עפּיס אַ פערענדערונג. עס גיט מיך אַ טראָג — און פלוצלים ווי פון דער העלער הויט וואַקס איך אויס פאַר דעם עולם עפּיס מיט אַ גאַנצער דרשה.

— אַזוי! — זאָג איך הויך אויף אַ קול, אַלע זאָלען הערען — ציון, הער איך, זאָגט איהר. ארץ-ישראל, הייסט עס, מיינט איהר! אָך,

הלואי רבונו-של-עולם, מיט דעם גאַנצען האַרצען! אויב אַזוי למה רג״ש צו-וואָס-זשע דאָס שטורעמען ולאומים יהגו, מחילה, דולען זיך מיט חקירות נישט צו דער זאַך; מיט חקירות, וואָס האָבען אייגענטליך אין זוערטה מיט דעם „האַ״, וואָס איינער אַ לעדיגגעהער מאַכט בשעת יענער האָרעוועט, האַקט האָלץ, און פערדולען דערווייל דעם עולם דעם מוח, מיט זאַבענישען, וואָס דערצאָרנען נאָר, וואָס זענען איבעריג, אי פאַר דער צייט. דאָס, וואָס איינצופיהרען עס דאַכט זיך דאָ אַצונד גוט, קען גאָר זיין שפּעטער דאָרט שלעכט. דאָס, וואָס דאָ אַצונד איז שווער, וועט שפּעטער דאָרט געשעהען גאַנץ נאַטירליך פון זיך אַליין און גרינג. כי האָדם — דער מענש איז, זאָגט דער פסוק, ווי אַ בוים. ווינטער איז דער בוים, דאַכט זיך, אָהן לעבען, נאָר אַ שטיין, רעדט, טהוט כלי-המיטעל — אומזיסט, נישטאָ קיין גרין בלעטעל! לאָז נאָר אָבער אַ שיין טאָג די ליכטיגע זון, זומער — ווערט ער ווי ניי געבוירען, פריש, לעבע-דיג. ער גרינט, ער בליהט און גיט אַרוים פון זיך פירות אין דער געהעריגער צייט... לאָז נאָר זיין ציון, ניין! ארץ-ישראל מיין איך, פער-שטעהט איהר מיך...

— האַ! וואָס איז דאָס פאַר אַ ניין, פאַר אַ חאַפּען זיך עפּיס צוריק? — וואונדערט איהר זיך שטאַרק אויף מיר — יאָ, רבותי, לאָז די זאַך האָבען איהר ריכטיגען נאָמען! אין אַ נאָמען איז אַ מאָל זעהר פיעל געווענדעט. טאַקי ארץ-ישראל, אַזוי איז גלייכער און פאַר דער וועלט פערשטענדי-גער. ווייל דרינען איז גאַנץ בולט אויסגעדריקט אייער פערלאַנגען. גאַנץ קלאָר: מען וויל ארץ-ישראל, און ציון, עס פערשטעהט זיך, אויך בכלל. ציון אָבער דריקט נישט אויס דייטליך וואָס מען וויל. עס האָט אַ סך פירושים, אַזוינע, וואָס פאַר אייך נישט קיין משא-ומתן. ווייל אין ציון ליגט אַזוינס, און וואָס אייך איז אייגענטליך גאָר ניט געלעגען — ווייל ציון, פערשטעהט איהר מיך, האָט נישט און קען טאַקי מעהר נישט האָבען דעם אַמאָליגען טעם פאַר וועלטליכע מענשען באַנקירען הײַנט; פאַר געשעפטמאַכער, וואָס ווילען גיך-געשווינד, מיט אייזענבאַהן, נישט אַרויסנעהמען זיך די אויגען קוקענדיג, מעשה קבצן, רייטענדיג אויף׳ן עזעל. ווייל פריהערדיגער ציון, ביי יענע כלי-קודש דאָרט און ביי יענע אין די הענר. ווי אַמאָל נאָך אין די יונגעלשע יאָהרען, פאַסט מעהר נישט פאַר אַזעלכע קלוגעטשקע ווי איהר הײַנט. וואָס ווילט זיך ייִשט מעהר לאָזען פיהרען אין חרר.

אריין און וואס קענען אליין, ברוך־השם, בעשטעהן זייער שטעדטיל, וייל, פערשטעהט איהר מיך... דאס גאנצע צאצקעלע, ווי הייסט מען עס, וואס איהר בינדט עס היינט אן, ווי תפילין, להבדיל, פאר א צייכען אויף אייערע קליידער — איז אייגענטליך גאר ניט צום פערשטעהן. פון וואנען האט עס צו אייך זיך גענומען? וואו שטעהט עס געשריבען אין דער תורה? אדרבה, פערקעהרט... לייענט דארט, לייענט נאך ערגיץ, וועט איהר פערשטעהן. און די היסטאריע אונזערע פארצייטען וואס זאגט? דאס צורייסען זיך פונ'ם פאלק ישראל אין צוויי בעזונדערע טייל, איינער מיט דעם אנדערען אויף מעסער־שטעך, גלייך פרעמדע; די צוואנג, די פיין, אויסגעלאסענקייט, קריג, געשלעג און חורבנות, ווען הויבט זיך עס אן און פון וואנען איז עס ניך און באלד געקומען? — זאגט, זאגט, רבותי!

אוי, רב מענדעלי, האבען זיי עס געזאגט אביסעל, אט די רבותים! נישט זיי, א פנים, האבען פערשטאנען מיך, נישט איך זיי, אפשר שפעטער, קען זיין, וועלען מיר איינער דעם אנדערען פערשטעהן, דערווייל גיב איך א מאך מיט דער האנד אויף דעם גאנצען עולם, לאז ער איבער. געהן צו אנדערע שרייבער אין די הענד, בשת אלהי ישרא⁄! און נעהם מיך אויף דער עלטער — וואס יא⁄ יר' ט.ז' — ווידער צו מיינע בהמות.

פערגעסט נישט, רב מענדעלי, אז נאך אין דער יוגענד האב איך געשריבען און מיך אבגעגעבען מיט אלערליי מיני בהמות. תחילת איז דאס ביי מיר געוועזן פשוט עפיס א מין שפילכען. 'ס האבען מיך פער־אינטערעסירט זייערע פערשיעדענע געשטאלטען, זייערע גענג, זייערע העוויות, גלאט אזוי, ווייל ס'איז משונה, עפיס אנדערש ווי געוועהנטליך ביי מענשען. עס הירזשעט זיך, א שטייגער, א פערד פראסט אויפ'ן מארק נעבען וואגען, נישט געקוועטשט זיך ווי יענע־, להבדיל, ביי אונז נעבען עמוד, אדער דארט אויף דער סצענע. 'ס רעוועט זיך א קוה אויף דער געמבע, נישט מיט דער ברייטקייט, ריים דער פארסע ווי יענע ליטווישע געמבעס. עפיס הפקר איז זיך א ציגען בערדיל, מען מעג עס, נישקשה, צופען, רייסען, די ציג מעקעט — און גאר נישט! וואס דאס הירזשען, דאס רעווען, דאס מעקען בעדייט, דאס איז מיך קנאפ אנגעגאנגען. ערשט שפעטער, אז איך האב מיינע בהמות דערקענט בעסער, איינגעזעהען, אז זיי זענען ווי מענשען פלייש און בלוט, ווי מענשען מיט אלע חושים, מיט געפיהלען, און ערנסט בעטראכט זייער

לאנגע, זייער חיסט לעבען, ווי זיי זענען עס אין גזות, נעבעך, קומט עס אב ביי די מענשעלעך אויף דער וועלט — האט מיך שוין אנגעהויבען ציהען צו זיי דאס געפיהל פון רחמנות, איך הער א מאל קולות פון זיי און פערשטעה, דאס איז א הירזשען, א רעווען, א מעקען, נעבעך, פאר וועהטאג און ביטערע יסורים; דאס איז א קייכען, א סאפען, א זיפצען אונטער צו א שווערער משא. —

אז די דאזיגע בידנע גאטס־בעשעפעניש האבען געפיהל און פערשטאנד, זאגען אויך פיעל חכמים אין זייערע ספרים, ס'איז דא דערויף טויזענדער בעווייזען. ס'איז ביי זיי אפשר אנדערש, אבער זיי פיהלען און פערשטעהען, זיי האבען אויך זייער לשון... אויך זייער שטייגער חובות, בענעהמונגען איינער אקעגען דעם אנדערען און אויך אקעגען אין אויבערשטען — זיי האבען דאך, חי איטליכען איז בעקאנט, זייער פרק־שירה!..

איבעריגענס, למאי זיך דא אזוי צולאזען אין שבחים איבער בהמות, גלייך ווי אויף מיר ליגט די שולד צו פערענטפערן זיך פאר דער מחותנה'שאפט מיינער מיט זיי? — אט אזוי וויל איך, אזוי געפעלט מיר, און פטור! זיי געפעלען מיר פשוט אפשר נאך בעסער א מאל פון אנדערע ביי אונז, און דאס לשון זייערס, ווי משונה דאכט זיך עס איז, דאך איז עס אפט פערשטענדליכער ווי דאס געקליגעלטע, גע'מלאכה'טע ביכער־לשון, וואס איז בכיוון נאר געמאכט געווארען אויף צופערדרעהען דעם מוח און די גרינגסטע זאך מרחיק מן השכל זיין, דערוויטערן, הייסט עס, פונ'ם פשט אזוי, אז דו זאלסט זיך אנהערען, זיך אנלייענען ווי אפויק און מכות טאקי ווימען. חושד זיין־זשע מיך, אז איך האב דערביי עפיס א שטיקעל אינטערעס, קען מען מיך אויף קיין פאל נישט. וואס, א שטייגער? געלד, פון בהמות געלד? — אזוינס איז דאך נור א געלעכטער גאר צודענקען! אפשר־זשע כבוד? קעלבלעך זאלען מיר נאכלויפען, קיה זאלען מיך טראגען אויף די הערנער, פערד אויף די פלייצעס — אזוינס איז נאך נארישער צודענקען!... עט, כ'לעבען, נישטא פון וואס צורעדען. פאר אנדערע איז א ווארט אפילו א עברה, צו וואס? דאס ביסעל־זשע, וואס איך האב דא גערעדט, איז טאקי נאר צוליעב אייך, רב מענדעלי! וויל איך האב אייך, פערשטעהט איהר מיך, ליעב און געוואלט בעשיינען אט דעם דאזיגען ספר מיינעם מיט אייער ליעבען נאמען דערויף. איך פערהאף, אז אצינד פערשטעהט איהר מיך שוין זעהר גוט, אוים קשיות, און די דאזיגע מתנה מיינע

וועט מיט דעם אויבערשטענס הילף בײ אײך זײן שטאַרק אָנ־געלעגט. און צוריק געשמועסט טאַקי פאַר וואָס ניט? וואָס קען עס אײך אַרען?

צווישען אונז גערעדט. תחילת איז אַ סברא געווען דעם דאָזיגען כבוד אָבצוגעבען אײער פערדיל, דעם לײב אײערען, ווי הײסט עס בײ אײך. אַזוי טאַקי, אַ לכבוד מיט דעם גאַנצען טיטעל. פאָרט, ווי זאָגט מען עס, אַזוי פיעל יאָהר אַװעקגעלעגט דאָס געזונד אין דער ליטע־ראַטור, געשוויצט, געאַרבײט איבער די כחות. אמת, אַ פערד איז ער טאַקי, אַ פראָסטער אַרבײטער; נאָר ווי זאָגען זײ עפּים, אונזערע חכמים דאָרט: גאָט איז נישט מקפח שכר, נעהמט נישט אַוועק דאָס פערדינסט בײ קײן שום בריה. נאָר דערנאָך איז מכמה וכמה טעמים נעבליבען: נײן! לאָז זײן מיט דעם לכבוד רב מענדעלי־לעב, און דאָס פערדיל מיט אָנהױבענס — במקום כהן, להבדיל. די אַלע אַנדערע בהמות, וואָס קומען דאָ נאָך איהם אין דעם דאָזיגען ספר מיט זײערע מעשיות, זענען דאָך באמת טאַקי אױך נאָר במקום׳ס, דאָס הײסט: במקום ישראל

דער לײב, אַטאָג אין צרות

1.

גֶ׳ער לֵייבּ.

אַטָאג אִין צָרוֹת.

מיט דעם הינטען, תּהילה, צום בּית־המדרש און מיט דעם קאָפּ צום וואָגען, קנייטשענדיג דעם שטערען, אויפשטעלענדיג די אויערען און אַרויסשטעקענדיג אַ שפּיץ צינגעל, שטעהט ער בּיחידוּת אויפ׳ן שוּהל־הויף, זומער נאָך האַלבּען טאָג, פערראומערט און פערשמאַכט פוּנ׳ם לאַנגען, שווערען תענית. פאַסטען איז ער אַפילוּ שוין געוועהנט; זינט ער טראָגט אויף זיך דעם עול פוּנ׳ם יוּדישקייט, דעם גאַנצען בּאַרג ספרים, איז איהם זעהר אָפּט, נעבּעך, אויסגעקומען צוּ פאַסטען, אַ מאָל אַ תענית־יחיד, ער פאַר זיך אַליין, און אַ מאָל אַ תענית־ציבּוּר, ער מיט דעם בּעל־הבּית און דעם הויז־געזינד אינאיינעם, זאָל ער נישט זוֹכה זיין איבּער הוּנדערט יאָהר דאָרט איינגעשפּאַנט צוּ זיין אין דער מרכּבה, דעם הייליגען רייטוואָגען, צווישען די שׂרפי־בּרענענדיגע חיות־הקודש; צוּ עסען די סעוּדה פוּנ׳ם הייליגען האָבּער און פערטרינקען מיט פוּלע איימער גן־עדן־וואַסער דאָרט אויף יענער וועלט, — אויבּ ער האָט די גאַנצע צייט אין דער איצטיגער פּרנסה זיינער געוואוּסט דעם טעם פוּן אַ האָבּער, פוּן אַלע גוּטע זאַכען, ווי אַנדערע זיין גלייכען דאָ אויף דער וועלט. אַזוי פיעל מכּות, רבּונו־של־עולם, זי׳, די ווילדע חיות־רעות, וויפיעל מאל

ער איז, נעבעך, אויסגעשטאַנען נויט, הונגער בײַם אַרומשלעפּן זיך זײַנעם שטענדיג מיט פּעקלעך יודישקייט — און פונדעסטוועגן שאַ, גאָרנישט! נאָר הײַנטיגס מאָל אָבער האָט דער יצר-הרע פונ'ם עסן זיך אין איהם געשטאַרקט; איהם אונטערגעגעבן חשק צו וועלן דערהאַלטען זײַן לעבען, ווי אַ לעבעדיג בעשעפעניש בעדאַרף וועלן ניט זיך מאַכען גע'יפגר'ט, שונאי-ציון, גלאַט עט-שמעט ...

דער טאָג איז געווען זעהר אַ הייסער. עס האָט געברענט — געבראָטען. ער איז געקומען הײַנט פונ'ם וועג קוים אַ לעבעדיגער — צוביסען, פערשוואָלען, אונטערהינקענדיג אויף נאָך אַ פוס, מיעד, צובראָכען, אַ שאַרבען, לא עליכם. גוואַלד, עסען! חאַטש עפּיס וואָס-עס-איז צודערהאַלטען די נשמה! ...

אויפ'ן שוהל-הויף און ווײַט אַרום-און-אַרום איז נישטאָ קיין לעבעדיג בעשעפעניש. מען ליגט פאַר היץ בעהאַלטען, אָבגעהענדיג מיט שוויס. די בהמות, קליין און גרויס, אַלע זענען אויפ'ן פעלד, טהוען זיך אָן וואוילטאָג אויף דעם גרינעם גראָז, ט'איז דאָרט אַ לעבען און פריי — קיה מיט עקסעלעך, צאַפּעס מיט ציגעלעך, גאָר מחיה! און ער, — ער, שלים-מזל, זײַן אָרט איז, ווי געוועהנטליך, אוי-וועה, נעבען בית-המדרש! עס הערשט דאָ, אויף דעם אָרט, עפּיס אַ מרה-שחורה. נישטאָ קיין-סימן גרעזעלע, קיין ביימעלע, נאָר זאַמד, ביכם, פערטראָגענע בלעטלעך און פערשלעפּטע פוילע-פערשימעלטע מיני כחורה.

ער שטעהט זיך אַזוי אָנגעדרודעלט צווישען די האָלאָבלעס, אויסגעדרעהט מיט דעם קאָפּ צום וואָגען. די אונטערסטע ליפּ הייננט איהם אַראָב, עס קוקען אַרויס צייהן, עפּיס ווי גערעדט: נאַ, חאַטש נעהם פערוואַרף זיי אויף דער פּאָליצע! דער יצר-הרע טאָרעט איהם, טאָרעט אין מאָגען, אָנמאַכענדיג אינוועניג אין איהם אַ גאַנצע מרידה, אַ דרעהעניש — ויתרוצצו און עס בורטשעט איהם אין בויך, עס ציטערט, טרעסעלט זיך אויף איהם די הויט. ער קוקט מיט האַלבע פערמאַכטע אויגען אויף די פּעקלעך ספרים; קוקט, זיפצט און איז שטאַרק פערטראַכט.

ס'איז דאָ, נישקשה, פאַר וואָס צו זײַן פערטראַכט. אונזער שלים-מזל האָט, נישקשה, זײַן געשיכטע, פון וועלכער אַלע בהמות מעגען אַ מוסר זיך אַראָבנעהמען. נישט פון די יונגע יאָהרען נאָך האָט ער געהאַט אַזאַ פינסטער געשטאַלט, אַזאַ מיאוס פנים. ניין! אַ לאַשאַקיל איז ער

געווען אַ לעבעדיגס, אַ שענס, גאָר אַ חריפות. ער האָט געהאַט פאַר זיך שיך גוטע צייטען, איז געווען מיט אַ בויך, מיט פיס, געגאַנגען אַ גאַנג האָפּערדיג, פערדרייסענדיג דעם קאָפּ, און אַ מאָל טאַקי אויך קומטיות, שטעלענדיג זיך דיבאָם.

נאָר אַזוי ווי דער זכרון איז, לא עליכם, בײַ איהם, דאַכט זיך, געשוואַכט; געדענקען אַלע מעשיות, געשעהענישען מיט איהם אין דעם לעבען, גאַנץ דײַטליך, קלאָר מיט פערשטאַנד, איז פאַר איהם שווערליך, פאָרט אַ בהמה, עפּיס, אַ שטייגער, אַ תרח, משטיינס-געזאָגט — דעריבער איז פיעל גלײַכער צו זאָגען, עס חלומ'ט זיך איהם נאָר געשיכטע, איידער זאָגען, ער טראַכט פון איהר, פון זײַן לעבען אַמאָל.

יאָ, עס חלומ'ט זיך איהם! עס דאַכט זיך איהם אַלסדינג נאָר טאַקי ווי אין חלום. אַט ווי איהר קוקט אָן דעם דאָזיגען שלים-מזל אַצונד, אײַנגאַנצען מיט זײַן געבײן, איז באַלד אין איהם צודערקענען, ווי אין אַ געפאַלענעם, אָבגעקומענעם נגיד. אַז ער איז נישט עפּיס פון די פּראָסטע, נישט אַ גראָבער ברודער ווי יענע, די פּויערשע. ער שטאַמט טאַקי פון אַ גוטער „פּאָראָדע", פון איידעל בלוט, און דערפאַר האָט מען איהם אין דער יוגענד אײַנגעהאַנדעלט ווי אַ גוט שטיקעל סחורה אויפ'ן מאַרק און איהם געהאַלטען בכבוד. אַ קאַטאָוועס עפּיס זײַן שטאַל, אַזאַ שטאַל, וועלכע ער מיט נאָך אַקעגען אַ טוץ זײַן-גלײַכען האָבען אַמאָל געהאַט! משרתים זענען דאָרטען געווען גענוג, אויבער-משרתים אי אונטער-משרתים אויף ריינגען, שפּריצען, רײַבערן, קראַצען און אײַנדעקען. אמת, זיי פלעגען בײַ איהם, נעבעך, אַראָב'לקח'ענען, ווי דער שטייגער פון אַזעלכע לײַט איז, אַקעגען אַ צעהנט'חלק פון זײַן פוטער, די אַביסעל, יענע אַביסעל, נאָר, נישקשה, מיט חסד, ער איז, חלילה, פאַר הונגער נישט גע'יפגר'ט. מען קאָן נישט זאָגען, ער זאָל זיך געווען דענסטמאָל לעבען פריי, נישט זײַן בײַ יענעם אין דער אַרבייט. כטײַטש, ווי געשיקט זיך עס: וואו איז דאָס ערגיץ צווישען בהמות דערהערט געוואָרען צו-זײַן גלאַט אַזוי אַ בהמה פאַר זיך: ביסט-דו אַ קוה — גיב מילך! ביסט-דו אַ אָקס — געה אַקער די ערד! ביסט-דו אַ שאָף — לאָז זיך שערען! ביסט-דו אַ פערד — זאָל מען אויף דיר רײַטען. אלא ניט, צו וואָס זײַט איהר גאָר געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט. עס פערשטעהט זיך, אַז ער איז אויך געווען אין דער אַרבייט, האָט געהאַט זײַנעם, וואָס זאָל איהם רײַטען אויף דעם רוקען, איהם

איינשפּאַנען אין דער קאַרעטע, אָנטאָן איהם אַ צוים און האַלטען אין די לייצען. געהאַט זיין שמייכער מיט דער לאַנגער בייטש, וואָס פלעגט דערמיט טראַסקען און איהם מכבד זיין מיט אַ שמיץ. צו־וואָס זאָל מען זיך נאַרען? עס האָט איהם טאַקי זעהר גוט וועה געטאָן, פערגאַנגען אַזש אין דער זיבעטער ריפּ; דאָך האָט ער עס אָנגענומען און געמוזט אָנגעהמען פאַר ליעב. פאָרט, ווי זאָגט מען עפּיס, אַ שמייסער הגדול, אַ היימישער, אַ נאָהענטער שמעלקע, אַ יונג מיט שפּאָרען, מיט טרעסטען, מיט פליטערלעך, און הינטען, מחילה, דיק־גראָב, דער קאַפּטען, ווי הייסט מען עס, מיט פאַלדען. און די בייטש — זי איז דאָך עפּיס אויך אַ צאַצע, פערפּוצט גאַנץ פיין מיט געפלאָכטענע כפול־שמונה־דיגע רצועות כשר־וישר, טשאַקענדיג מיט אַלע דינים. דער שמיץ נישט גלאַט גראָב, ווי פון אַ פּויערשער, עס האָט אַ טעם ווי פון מלקות, מלא חן.

אַבי־ווער אַ געפאַלענער פערטיעפט זיך געוועהנטליך. בשעת גרויסע צרות, אין חלוכות פון פריהערדיגע גוטע יאָהרען, און ווערט ביי זיך געהויבען פון זיין כבוד אַמאָל. אונזער לייב, שטעהענדיג אין איינע צרות צווישען די האָלאָבלעם דאָ, ניט עס איהם פלוצלים עפּיס אַ טראָג. ער טהוט אין חלום אַ הויב מיט גדלות דעם אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, פערדרייסט דאָס אויסגעדייווערטע העלזעלע, פון וואַנען עס סטאַרצעט אַרויס דאָס גערגעלע און אויף וועלכען עס באָמבלען זיך פערפּלאָנטעטע צעפּלעך, אַ סימן פון האָר, משטיינס־געזאָגט. עס טהוט איהם, אַ פּנים, משונה הנאה, גלייך ווי ער וואָלט געשפּירט דעם ריח פון פעלד, פון אַלע גוטע זאַכען דאָרט, גלייך ווי נישט מעהר דאָ פאַר איהם קיין קינות, קיין תחינות, די אַלע פעקלעך צרות׳דיגע ספרים, נאָר היי און האָבער, די שענע קאַרעטע, יענע פּאַרשוינען מיט דער פּאָמפּע און די גאַנצע גדולה וואָס אַמאָל. בעדאַרף גראָד דער רוח אָנטראָגען אַ זליודנע, אַ פליג, וואָס זיין אָנגעדיבענער צעקראַצטער רוקען איז איהר אַקוראַט ווי געוואונשען, און אָבטאַנצענדיג פריהער פאַר פרייד, פאַר ליעבשאַפט דאָס בעקאַנטע פליגענטענציל, זעצט זי זיך דערויף מיט גרויס חשק, שטרעקט אויס דאָס פּיסקעלע און טהוט — אַבּים, אַ קוש הייסט עס. אונזער שלים־מזל שפּרינגט אַזש אונטער פון׳ם ליעבען קוש. פערדרייסט דעם ווייַדעל און וויל דער חצופה דערלאַנגען אַ שמיץ, נאָר ער איז אָבער אויסגעקראָכען און דערגרייכט נישט ביז צו איהר. ער מאַכט זיך, וואָס זאָל ער, נעבעך, טאָן,

נישט וויסענדיג, בויגט זיך אָן און קראַצט זיך, ווי־ס׳איז, אין אַ האָלאָבלע מיט אַ געשמאַק זיפצעלע פון אַ קבצן פאַר גרויס מתיקות דערפון.

ס׳איז דאָ אַ שטיקעל סברא ביי איהם אַ פּריוו טאָן, דורכגעהן זיך אַהין ווייטער אַביסעל. דאָס איז איהם צודערקענען אין דעם געניץ זיינעם מיט דעם פוילען מויל, אין דעם ציהען זיך, אויסקנאַקען זיך די ביינער, אַ טרעסע געבענדיג דערביי מיט דער גאַנצער פעל פון אויבען ביז אַראָב, גלייך ווי גערעדט: הנני — איך בין בערייט! און באמת טאַקי, וואָס איז פאַר אַ תכלית דאָ אויפ׳ן שוהל־הויף? וואָס, משטיינס־געזאָגט, איז דאָ צודערוואַרטען, אַז אַרום־און־אַרום איז טויט, וויסט, נישטאָ, איהר זאָלט זאָגען, חאָטש עפּיס אַ לעק?... הנני! מאַכט ער אויף פערדיש און איז פאַרטיג צוגעבען — אוי, טהוט איהם אַציה, ניט־דאָ־געדאַכט, דער פוס, יענער פוס, צוליעב וועלכען ער האָט פערזינדיגט, פערשפּילט זיין וועלט און פערלוירען זיין ווערטה! דאָס אומגליק זיינס דענסטמאָל האָט מיט איהם איינגאַנצען געעקט: געה טראָג אויף זיך יענע לייט, אַז ס׳איז נישטאָ, נישט פאַר בהמות געדאַכט, קיין פיס, אַז זיי זאָגען זיך דיר אָב צודינען, האָבען נישט מעהר דעם ריכטיגען גאַנג און גליטשען זיך אַמאָל מיאוס אויס. און ווי באַלד אַזוי — געה־זשע דיר צו אַלדי־שוואַרץ־יאָהר!...

ער איז טאַקי געגאַנגען, איבערגעגאַנגען אין אַנדערע הענד, פון איין האַנד צו דער אַנדערער, אַלץ וואָס ווייטער נידעריגער. נידעריגער געפאַלען, נישטאָ ביי איהם היינט אַזוי פיעל האָר אין ווייַדעל וויפיעל בעלי־הבתים ער האָט איבערגעהאַט. ביי וועמען ער איז געווען, האָט ער קיין האָניג נישט געלעקט. ווען עפּיס אַ צרה, איז ער שולדיג געווען. האָבען די חברים זיינע זיך פערפּלאָנטעט, געשפּרונגען אויס די האָלאָבלעס, געפאַלען ווי שכורים פון די פיס און אַריין אין אַ גרוב, — האָט פאַר זיי אַלע געחאַפּט אַ פּסק ער. עס האָט געהייסען: אַט דער שלאַק, די פגירה, די נבלה! און דאָס־גלייכען מיאוסע צונעמענישען. זיין געשיכטע זינט דענסטמאָל איז, אַז־אָך־און־וועה צו איהם, אַ געשיכטע פון שלעפּעניש, טרייבעניש, מכות, יסורים און בייטשען.

דער פוס שטאָך — שטאָך — און דער שטאָך פליעט, שליינגלענדיג זיך דורך די גליעדער, פּיק־פּיק איהם אין דעם מוח. עס טהוט זיך אַ לאָז אַראָב דער קאָפּ, אַ זיפץ, אַ קרים, אַ שאָקעל די אונטערשטע

ליפ. עס מאַכט זיך צו די אויגען און זיי פֿון די ווינקעלעך ציהען זיך איבער די באַקען שמוציגע־פֿײַכטע רינשטאָקלעך ווי פֿון טרערען. אין קאָפּ איז אַ שוואַרץ־טונקעלע אויסמישעניש, עס דרעהען זיך איהם דאָרט, ווי אין חלום, פֿעסלעך וואַסער, בעל־העגלה'שע וואָגענס, בוידען, שטעקענס, בײַטשען, קולאַקעס... און פּלוצלים טהוט עס מיט איהם אַ וואָרף ווי אַ קדחת — עס דאַכט זיך איהם די ראָד, יענע גרויסע ראָד! די אַלע אַנדערע יסורים און פּיין זיינע זענען נאָר אַ שפּילכעל געווען אַקעגען יענע, וואָס אַמאָל אין מיהל עפּיס, ביים דרעהען די ראָד דאָרט. ווי שווער ס'איז בײַ די בעל־העגלות, ווי גריבערדיג דער וועג איז, דאָך אין נאָך צודערליידען — פֿאָרט אַ וועג. מען שלעפּט זיך, חאַטש פּאַמעליך, איינרייסענדיג זיך דאָס געזונד, דאָך פֿאָרט רוקט מען זיך אַלץ ווייטער־ווייטער. מען זעהט עפּיס נייעס, עפּיס אַ פֿאַרענדערונג: אָט איז אַ בערגיל, אָט איז אַ טאָל, אָט איז אַ בריקעל און אָט איז אַ קרעטשעם! נאָר דרעהען זיך טופּענדיג זיך שטענדיג אויף איין אָרט, נישט זעהן פֿאַר זיך די וועלט, נישט הערען קיין שום זאַך חוץ אַ שטענדיגען מאָהלען, איבער'חזר'ן ווידער דאָס אייגענע, נאָך אַמאָל דאָס אייגענע — אַזוינס, בעהיט זאָל מען ווערען, איז אַ טויט. עס פֿאַרדרעהט זיך דיר דער קאָפּ, דו ווייסט נישט פֿון דיין חיות — און פֿרעג דיר בחרם, וואָס מיט דיר טהוט זיך אַזוינס.

און ווי ער שטעהט דאָ אַזוי אין איינע צרות, עפֿענט זיך איהם אויף אַביסעל איין אויג. ער קוקט מיט שרעק — גאָרנישט! עס עפֿענט זיך דאָס צווייטע, בלינצעלט, קוקט, — און, געלויבט דער אויבערשטער, נישטאָ קיין ראָד! ער ווערט בײַ זיך עפּיס שטאַרקער. מענשעלט זיך כלומר'שט, פֿערדעלט זיך, הייסט עס, הויבט אויף די מאָרדע און טהוט אַ לעק אַ פּעקיל ספרים, עס הייסט אַזוי פֿיעל ווי גערעדט: דאָס בעסטע פֿון די מכות איז פֿאָרט דאָס, ווי די מעשה איז, אַלץ בעסער ווי בײַ זיי, בײַ יענע בעלי־הבתים אַמאָל!

און אויב יאָ אַזוי, פֿאַר וואָס־זשע נישט צולאָזען זיך אַ שטיקעל עולם־הזה. ווי אַנידערלעגען זיך, אַ שטיינער, אָדער אפֿשר גאָר אויסציהען זיך טאַקי אַביסעל? ביז וואַנען איז דער שיעור אַריינקוקען, אַליין אַריינקוקען? — און נישט לאַנג געטראַכט צעלעגט זיך מיינער אויף דער ערד נעבען וואָגען, גאַנץ בּרייט, ווי ביים טאַטען אין ווייַנהויז, קעהרט זיך איבער אויף דעם רוקען, מחילה, מיט די פֿיס אַרויף, ר׳יהטלמי זיך כאשקעט זיך אונטערהערעגדיג פֿאַר גרויס הנגוג, גלייך

ווי ער וואָלט געפֿיהלט אין זיך עפּיס אַ נייע יום־טוב'דיגע נשמה. ס'דויערט אָבער נישט לאַנג, שפּרינגט ווי פֿון אונטער איהם אַרויס עפּיס אַ לעבעדיג בעשעפֿעניש מיט אַ משונה קוויטש, אַזוי אַז אונזער לייב גיט זיך אַ חאַפּ שטאַרק דערשראָקען און טהוט זיך אַ שטעל, נישט טויט, נישט לעבעדיג אויף די פֿיס, אַרומקוקענדיג זיך פֿערוואונדערט מיט אַ פּאָר אויגען און אויפֿגעשטעלטע אויערען. וואָס לאָזט זיך אויס? — אַ הונד!

בשעת אונזערער האָט זיך דאָ געמאַכט יום־טוב, געטאַנצט, געדרינגעט, הייסט עס, מיט די פֿיס, האָט דערווייל זיך אַריינגעחאַפּט אויפ'ן שוהל־הויף אַ גוי'אישער הונד, זיך אונטערגע'גנבה'ט צום וואָגען, כדי צו דערטאַפּען דאָרט עפּיס, און געחאַפּט, אַ פּנים, גאָר אומגעריכט אַ זעק. ער שטעהט עס אַצונד מלא המן, פֿעררייסען דעם ווידעל, אויסגעשטרעקט דעם חאַלז און בילט, פֿאַרגעהענדיג זיך אַזש פֿאַר כעס. ער בילט נישט אַזוי פֿאַר דעם זעק ווי דערפֿאַר, וואָס איהם איז נישט געראָטען; וואָס ער האָט זיך דאָ מיאוס אָבגענאַרט. אָנשטאָט נאַשען, ווי דער שטייגער איז, חאַפּען אַ לעק, געפֿינט ער פֿאַר זיך אין וואָגען דאָ אַ מין סחורה אַזעלכע, וואָס האָט נישט אין זיינע אויגען קיין שום ווערטה. אומזיסט נאָר זיך געשמוצט, געבראָכען די פֿיס פֿון זיין געסיל אַהער. דאָס בילען זיינס האָט געהייסען אויף הינטיש אַזוי פֿיעל ווי געזאָגט

— פֿערדאַק איינער, אַז־אָך־און־וועה צו דיר מיט דיין סחורה... האַוו־האַוו! טאַקי נור אַ פֿערדאַק ווי דו ביסט קען אַזוינס האָבען... האָרך־זשע, זאָג איך דיר. האַוו־האַוו! ווייזט דו זיך דערמיט צו אונז אין געסיל, צערייס איך מיט מיינע חברים דיך אויף שטיקער, פֿערדאַק־דאַקדאַק!...

אונזער שלים־מזל, נעבעך, פֿאַכט מיט די נעזולעכער, טאָקלענדיג מיט דעם האַלז, מיט דעם קאָפּ אַרויף און אַראָב, נטשירעט אויס איין אויג — איז זיך מישב און קעהרט זיך אום צום הונד מיט דעם הינטען, ווי איינער רעדט: נאַ... וואָס וועל איך דאָ מיט דיר טענה'ן

די זון, וואָס ווי באַלד זי ווייזט זיך מיט איהר ליכטיג פּנים אין שטעדטיל, שטעהט זי סטאַנציע דעם גאַנצען טאָג אויפ'ן שוהל־הויף, האָט מנחה־צייט, ווי דער שטייגער איהרער איז, זיך געקליבען פֿון דאָרט גהין, און איהר רוה אַריין זי האָט אויסגעשטעלט אַ צורה, נאָר עפּיס

ניטש די וואס פריהער, געקוקט, געקוקט אויף אונזער שלים-מזל, אויף דעם ביידעל ספרים, מינענדיג זיך און משונה רויט ווערענדיג, גלייך ווי עס וואלט איהר שטארק באנק געטאן צושיידען זיך מיט אזא פארשוין און מיט אזא סחורה. און באמת טאקי, וואלט אונזער לייב דער שמייגער געמעגט שווערען, אז איהר כיוון אינגאנצען מיט דעם קומען איהרען איז טאקי נאר צוליעב איהם און זיין סחורה, ווייטער וואס געהט זי אן א וועלט. ביי איהם פונדעסטוועגען איז דאס קוקען איהרס אזוי אויף איהם נארנישט אנגעלענט. נארישקייטען! קוקעניש-שמוקעניש. וואס קומט ארויס דערפון? גארנישט! עס ווערט נאר שטארק היים, אומצוקומען. בעסער טאקי אזוי, אזוי פונדערווייטענס. אצונד פיהלט מען זיך עפיס פרישער, מען אטהעמט פרייער, מען ווערט, דאכט זיך, ברייטער, לענגער — אט ווי ווייט עס ציהט זיך אוים דער שאטען! ...

פון אונזער שמייגער וואקסט באמת טאקי אוים פלוצלים א גאנצער עוג מלך הבשן, דער קאפ פערקריכט אויפ'ן דאך פונ'ם בית-מדרש און מיט דעם ווידעל שפארט ער אן העט דארט אויף א שטיבעל. אינגאנצען איז ער עפים אומגעלומפערט, א מין חיה, א פערזוהעניש, גאר אנטיק. לאז דעריבער קיין קשיא נישט זיין, פאר וואס האט די ציג, לויפענדיג פאראוים דער טשערעדע פארביי דעם שוהל-הויף, זיך דא אָבגעשטעלט און געמאכט אין איין קול מע — דאס האט זי געמעקעט צום גאנצען עולם בהמות: מע-ע-ע! אהער בהמה'לעך זעהן עפים שענס אויף חידושים.

פריהער פאר אלע כהוען זיך, ווי דער שטייגער איז, א לאז א הער אויף קבלת-פנים אקעגען א מנין ציגען מיט א ציגענעם שלום עליכם! דער קהל'שער צאפ, דער ציגענער פיינע-בריה, זאל געזונד זיין, האט לעת-עתה נישט געקענט קומען צום קבלת פנים, ווייל ער איז געוועזען א טרוד, פערנומען אין עפים א וויכטיגען ענין מיט דעם פעקיל שטאדט-קונדסים, וואס פאהרען אויף איהם דייטענדיג, פיהרענדיג איהם ביי דער נאז, און מאכען מיט איהם, ווי געוועהנטליך, די קאמעדיע, די שפיל.

מע-ע-ע! מאכען די ציגען, דרעהענדיג מיט די ווידעלעך, און שפרינגען ארויף פלינק אויף דעם וואגען, נישט ווארטענדיג אויף דרך-ארץ, ביז מען וועט זיי בעטען. זיי שמעקען, לעקען, נישטערען, זוכען עפיש נאשערייטי צעווארפענדיג פעקלעך ספרים. עס איז א שטופעניש.

א העפעניש און א שטארעניש. צוויי זייערע שטעהען איבער א כתר, האלטענדיג אנגעבויגען די קעפ, טרעסענדיג מיט די בערדלעך, איינע קעגען דער אנדערער, און מאכען באראן-בוץ, עפים נאר טאקי ווי לזכרים, להבדיל, בוצקען זיך איבער א הארב שטיקעל אין דעם לערנען. דאס זענען געווען, א פנים, ציגען-בטלנים, וואס האבען נישט אין זינען די פרנסה, צופערזארגען די היים חאטש מיט א קאפ מילך. נישטא פון זיי פשטיינס-געזאגט, קיין שום נוצען; דעריבער קענען זיי זיך פערנעהמען מיט אזעלכע זאכענישען, און האבען זיך דא טאקי אהעקגעבוצקעט א היבשע צייט.

אונזער לייב האט, אינגאנצען ווי ער איז מיט זיין שענער צורה, אויפגערודערט דאס גאנצע שטעדטיל בהמות. עס האט זיך פערברייטעט צווישען זיי ווענען איהם עפים גאנצע מעשיות. יענער הונד האט אנגעהויבען און די איבעריגע האבען איהם אונטערגעהאלטען, איטליכער הונד אויף זיין סמיטניק, איטליכער אויף זיין שטייגער בילען. דאס נע-בילעריי האט זיך פערטראגען ווייט אין אלע זייטען שטאדט, זיך אבגערופען אין די הערצער פון אלע מיני בהמות. וואס לאזען זיך הערען אויף זייערע קולות, עפים נאר א גוואלד, אליין נישט רעכט צו וויסען וואס. און בשעת עלטערע קיה שטעהען ערגעסט איבער די מעלק-שעפעלעך, ציהערענדיג זיך צום געוויש, צום מומלען דארט, נישט כמפסיק צו זיין אין דערמיט מעלקען זיך, חלילה, — לאזט זיך א פערשייטע „מיילעצע", א יונגעד, אויף ציקאווען צום שוהל-הויף; א רויטער, א געזונדער בוהאי פערדרייסט דעם עק, מעשה קאוואל'נ, און פוץ נאך איהר. לויפט, קומט צולויפען סאפענדיג, פערקאכט און נעהמט זיך דרעהען מיט דער יפהפה זיינער ארום און ארום, ווי אונטער דער חופה דארט.

קליינשטעדטעלדיגע בהמות, ווי איטליכער ווייסט, איז זייער לעבען דער שוהל-הויף, צופערברייגען דארט אביסעל די צייט נישט ווי יענע אין די גרויסע שטעדט, וואס קוקען נישט אן דעם שוהל-הויף, נאר זעלטען, אמאל אין א יאהר, אדער אפשר גאר קיינמאל נישט אין זייער לעבען. נאר אזא צונויפלויפעניש אהין ווי דענסט-מאל, געדענקען אויך די אלט-געזעסענע בהמות פגי'ם שטעדטיל נישט.

אז בעטאגטע קיה זענען געקומען, אויסגעמאלקענע שוין, אויפ'ן שוהל-הויף צונעכטיגע דארט, ווי געוועהנטליך, און דערזעהען, אז די

שרטער זייערע, אויף וועלכע זיי האָבען פֿון גאַנץ לאַנג אַ חזקה, זענען פֿערנומען, בלייבען זיי פֿערגאַפֿט, נישט וויסענדיג וואָס צוטאָן, נעה לעג זיך, מחילה, אַז דאָ שטעהט גאָר אַ וואָגען און נאָך עפּיס אַ מין פּאַרשוין. —

פֿריקרע! בעה רוח אין אַזאַ געטומעל, אַזאַ חתונה דאָ פֿע, אַ חרפּה, אַ בושה! אָנרופֿען זיך אַ מו? חס־וחלילה! מו קען נאָר הייסען אַזוינס, וואָס פּאַסט נישט פֿאַר כשר'ע בהמות, צנועות. זאַטשעפּען זיך מיט ציגען — שפּרינגען זיי דיר אויפֿ'ן קאָפּ. מאַכען דער „טעלעצע" אַ קרומע מינע: פֿע, טאַכטער, ניט שען! — וועט דער בוהאַי אָט־אָ דיך דורס זיין. אין־ברירה, זיי שטעהען, נעבעך, אויף די פֿיס שטיל; אויסשטעלענדיג די אויגען לעקישעוואַטע אויף אונזער לייב, שלינגען דאָס שפּייעכץ און מעלה־גרה'ן. דאָס איז ביי בהמות אַזאַ בעשעפֿטיגונג ווי ביי זאָקען אַרבייטען ביי ווייבער.

נאָר אין־מיטען־דרינען פֿליהט אַריין עפּיס אַ מין ווילדע בריאה אַ צעטראָגענער, אַ מנוול, מיט אַ פֿערוואַקסען פּנים און אַ צופּ־צעטעלטע באָרד. די צוגעפּלעטשטע נאָז, עפּיס ווי אויף שרויפֿען — קרימט זיך, קנייטשט זיך, שמעקט, בלאָזט, פּירקעט ווי פֿון טאַבאַקע. ער איז קליין געוואַקסען, ברייטער ווי לענגער. אַ קורצפֿיסיגער אין התחתונים פֿון האָר, צראָבהייענגענדיג ווי טריפּעלקעס ביז איבער די קניעס, און אַ ריח פֿון שוויס מיט נאָך עפּיס אַזוינס, ווי הייסט מען עס, גיט זיך פֿון איהם, מחילה, שטאַרק נאָך — דאָס איז ער, זאָל געזונד זיין, דער צאַפּ מיט זיין כבוד אַליין! באַלד ביים אָנקומען, פֿונדערווייטענס נאָך, טהוט ער זיך אַ בוק, אַ לאָז אַראָב דעם קאָפּ, פּירקעט, בעבעט עפּיס אונטער דער נאָז, לויפֿט דערנאָך צו פֿענדום־פֿענדום — און בעה־בעה אונזער שלים־מזל אונטער דער דיך,

אונזער לייב שפּרינגט אַוש אונטער פֿאַר גרויס וועהטאָג פֿון אַזאַ שלום־עליכם, און עס רייסט זיך איהם נישט ווילענדיג אַרויס אַ הירושע טיעף פּונים האלז, ווי וערעדט מיט פֿערדראָס שטאַרק פֿאַראיבעל האָבענדיג: אי, פֿע, כ'לעבען!...

וואָלט ער געקענט מעקען גוט צאַפּיש, אָדער האָטש אַ ביסעל צאַפּיש. כלומרש'ט הייסט עס; און אויך דאָס לשון פֿון יענע אַנדערע מיני ברואים דאָ, זאָלט ער זיכער מיט זיי זיך אויסגעטענה'ט. פֿאַר וואָס בענעהמען זיי זיך מיט איהם דאָ אַזוי גראָבליך, וואָלט זיי געפֿרעגט גאַנץ ריין און שאַרף: בהמה'לעך! וואָס אַזוינס האָב איך געטאָן?

ער וואָלט זיי דערצעהלט פֿון דער שווערער מיה זיינער מיט דער דאָזיגער סחורה דאָ; פֿון די גרויסע פֿערדינסטען, משטיינס־געזאָגט, דערפֿון, אַז עס קלעקט אַפֿילו נישט אויף אַ בינטעל היי, זיך זאַט אָנצועסען. מען פֿאָהרט, מען שלעפּט זיך, מען האַנדעלט, האַנדעלט און וואָס? גאָר נישט! דאַכט זיך, ער שטעהט, האַלט זיך אויף די פֿיס, נאָר וואָס ביי איהם אינווענינג, אין מאָגען, טהוט זיך, ווייסט קיינער נישט. חוץ אַ ביסעל סיטשקע היינט פֿריהמאָרגענס האָט ער דעם גאַנצען טאָג, אָסור־חזיר, אַפֿילו קיין לעק היי אין מויל נישט געהאַט. ס'איז אַוודאַי נישט פֿאַר תענוג. מסתמא שטעהט עס מיט דעם פּדיון שמאָל, ס'איז דאָ אַ מכה!...

נאָר דאָס וואָס אונזער שלים־מזל קען נישט אַרויסזאָגען מיט דער צונג, גיט ער עס צופֿערשטעהן אויף דעם וואונק, מיט דעם בליק און מיט אַלע זיינע אברים. זיין אויסדרעהען זיך פֿריהער דעם קאָפּ און בעטראַכטען זיך אַליין, זאָל אַזוי פֿיעל הייסען: האַ! דאַכט זיך, אַלסדינג ביי מיר ווי עס בעדאַרף צו זיין? אַ בהמה ווי אַלע בהמות! אין פֿאַטיג ווערענדיג דערמיט ביי זיך, שטרעקט ער אויס דעם ווידעל שוין צו זיי: נאַט זעהט, בהמות, הייסט עס, נישט צו פֿערזינדיגען. אַ בויך איז דאָ: הויט און ביין דאָ, ביז אַ בשר ודם יוי איהר אַלע! וואָס־זשע ווילט איהר פֿון מיר האָבען?

דער צאַפּ אָבער ווייסט נישט קיין חכמות, פֿערשטעהט זיך ניעט אויפֿ'ן וואונק. ער גערט אָן זיינע לענדען, טהוט זיך אַ לאָז ראַפּטעם צו אונזער שלים־מזל — און טראַך־טראַך ווי פֿריהער! אַלע בהמות שטעהען, קוקען, און עס זאָל זיי דאָס אָנהויבען צו אַרען... דער לייב, נעבעך, לאָזט אַראָב דעם קאָפּ, מאַכט צו די אויגען, און טיעף פּונים בויך רייסען זיך איהם אַרויס שטילע זיפֿצען. אַצונד טהוט ער שוין אַפֿילו קיין קליין הירושעלע „יה" נישט, וויסענדיג, אַז עס וועט ניי' העלפֿען

יאָ, רב לייב, דו פֿערדיל איינער! עס וועט דיר נישט העלפֿען אַפֿילו, ווען עס זאָל זיך דיר עפֿענען דאָס מויל צום ריידען ווי דיין עלטער־עלטער באָבע אַמאָל — בלעם'ס אייזעל, דיר צו לאַנגע יאָהר! איידער דיר זאָל זיך עפֿענען אַ מויל, וואָלט פֿיעל בעסער געווירקט זיי דאָס מויל צו פֿערשטאָפּען. דאָס הייסט, ווען אָנשטאָט ביכלעך ביי דיר אין וואָגען, וואָלט געווען דאָ פֿאַר זיי עפּיס אַזוינס, וואָס צו נאַשען.

ס׳איז דאָ אפילו אַ שטיקעל פערענטפערונג דעם צאַפ, אַז ער איז נאָר ניט אַזוי גראָב שולדיג. מען בעדאַרף דאָך וויסען, אַז צו זיין אַ קהלשער צאַפ איז עפּיס נישט אַזאַ גרינגע, גוטע שטעלע. פאַרגעסט נישט, וויפיעל ער האָט אויף זיך אַרבייט. מיט איטליכען שייגעץ אין שטאָדט מוז מען איבערהאָבען געשעפטען, מען מוז אַמאָל אָבאַרבייטען עסקים אינאיינעם מיט ווייסע חברה; צונויפקומען זיך, בוצקען זיך אַמאָל דאָס מיט דעם, דאָס מיט יענעם. אומעטום בעדאַרף מען זיין, דאָ אין שוהל, דאָ אין מאַרק, צווישען די זיצערינס מיט קוישלעך, מיט מולטערס, דאָ מוז מען זיך פון אלע מלאכות אַראָכחאַפּען צו דעם, צו יענעם אין גאָרטען אויף ברכה־מאַכען, און נאָה ווי? אומגעבעטען. מאַכט זיך אַמאָל, יענער איז נישט צופרידען, בעקומסט דו אַ פסק, אַזוי אַז דאָס ברכה־מאַכען פאַלט דיר אוים באָקום. דו לערענסט אַמאָל דעם פשט דערפון: יענער, אַ־פנים, איז נישט געווען צופרידען דערפאַר, וואָס דו האָסט זיך פאַרשפעטיגט קומען אויף כבוד צו איהם, בכן ווילסט דו דאָך יוצא זיין און חאַפּסט זיך אַריין מאָרגען טאַקי אַהין צו איהם שוין פריהער — הערט אַ מעשה, איז אויה שלעכט! חאַפּסט דו נאָך אַ ערגערען פסק ווי געכטען.

— יאָ, ס׳איז דאָ אַ סברא, אַז ערשט היינט, זאָל איהם נישט זיין צו קיין בושה, האָט ער געהאַט זיין עהרליך אויסקומעניש. ער איז געקומען שטאַרק צודרעהט. דאָס ווידעלע זיינס איז געווען פאַרקלעמט אין אַ שפּריינ־העלצעל — און ער האָט דעריבער אויסגעלאָזט זיין שווער ביטער האַרץ צו אונזער שלים־מזל.

שטעהענדיג אַזוי פעראומערט, דערפיהלט אונזער שלים־מזל פלוצלים פון הינטען עפּיס אַ וואַרעמען גלעט. עס דאַכט זיך איהם: אַהאַ, בעל־הבית... היי... סיטשקע! ער טהוט אַ הויב דעם קאָפּ און אַ שטעל אויף די אויערען. וואָס לאָזט זיך אוים? בוידעם! איינע פון די כשר׳ע בעטאָגטע קיה האָט איהם מיט דער מאָרדע גאַנץ דעליקאַט אָנצוהערעניש געגעבען, ער זאָל זיך מוחל זיין רוקען ווייטער אַ ביסעל, און באַלד טאַקי זיך אַנידערגעלעגט נעבען איהם אויף נאַכטלעגער, אין דער דעה, מאָרגען, אם־ירצה־השם, אויפשטעהן כלחוך השור, און היידאַ — צו דער אכילה, אין פעלד אַריין.

י זון פאַרגעהט — אין דער ערד מיט׳ן קאָפּ: דער בוהאַי שטעלט זיך אין דער מיט שוהל־הויף, בלאָזט שופר אויף זיין צוריפּעט קול, גראָבענדיג מיט די הערנער אונטער זיך די ערד, פערריסם דעם ווידעל —

זיט מיר געזונד! הייסט עס, און אַוועק, אַוועק. דער צאַפ פערנעהמט זיינע ציגען און לאָזט זיך מיט זיי צו דער ווייבערשער שוהל, אַהין — אין זיין רוהה אַריין. די שוואַרץ־חנ׳עוודיגע נאַכט, געציערט, געפוצט אין ־עם טייערען שטערענטיכעל, וויזט זיך מיט איהר כבוד אין שטעדטיל און שאַ, ערגיץ נישט דאָרט קיין פּיפּס!

ען שלאָפט — — —

ונדערוויי־טענס לאָזט זיך העדען טריט, אָט קומען צו נאָהענט צום וואָגען פים, באַלד שטעקען זיך אוים הענד — און מזל־טוב, מזל־טוב! דער לייב אונזערער איז אַריינגעטאָן מיט דעם קאָפּ אין דער אַלטער טאָרבע, חראָמקעט געשמאַק סיטשקע, עפּיס מיט אַ „יהי־רצון", גלייך ווי ער וואָלט נעגעסען האָבער.

אַבי די טאָרבע סיטשקע, אַבי עס דערגעהט איהם די קישקע פערגעסט ער די פריהערדיגע צרות, חראָמקעט זיך רוהיג, און איז, אַז אָך־און־וועה צו איהם, גאַנץ צופריעדען!...

דאָס תוספות יום-טוב-קעלבעל

דאָס ק״לביל האָט אַזוי געהייסען, עס פֿאַרשטעהט זיך, נישט פֿאַר דאָס אַריינקוקען זיינס אין דעם משניות מיט דעם תוספות יום טוב אַזוי, אַ שטיינער, ווי מען זאָגט ביי אונז: אַהאָהן קוקט אַריין אין „בני־אָדם״, אָדער אַ קעלבינער מגיד קוועטשט זיך פֿאַר אַ עולם. אַזוינע ווערטלעך ווי די, וואָס נישט אויסגעטראַכט, נאָר שטאַמען אייגענטליך פֿון אונזער לעבען, זענען ביי אונז פֿאַר בהמות נישט געזאָגט געוואָרען. מעגליך אַפֿשר ערגיץ אַנדערש יאָ. ארץ־ישראל־בהמות, אַ שטיינער, אויף זיי שטעהט דאָך געשריבען: „ציון, בך כל בהמה ועוף הלמו!“ ביי דיר, ציון, איז איטליכע בהמה קלוג. אַ אייזעל דאָרט אפילו איז אַ למדן, גוט און פֿרום—ווי פנחס בן־יאירים. אַ שטיינער, אין אונזער ווינקעל אָבער זענען בהמות טאַקי בהמות און קעלבלעך נעהען אַרום פוסט און־פּאַס.

נאָר וואָס דען? דאָס קעלביל האָט אַזוי געהייסען איבער אַ מעשה, וואָס איז זיך פֿערלאָפֿען מיט זיין מאַמע באַלד נאָך דעם קעלבען זיך, און אָנגעמאַכט אַ רעש, אַ קאָלעניש אין דעם גאַנצען שטעדטיל.

די מאַמע זיינע, זאָל זיך דאָרט מ׳הען, איז געווען אַ שענע, כשר׳ע בהמה. שען מיינט מען נישט פשוט שען ווי יענע קיה, האָלענ-

דערקעס, א שטייגער, מיט א שען פנים׳ל, פעטע, דיקבייכיגע, מיט גרויסע אנגעגאסענע אייטער, די הויט א גלאטע מיט דעם פוץ און א לאנגען עק, מחילה, הינטען ווי א שלעפע. אדרבה, פארקעהרט, ני. די מאמע הייסט עס, זאל זיך איהר דארט גרינג שלוקערצען, זי איז געווען דוקא א מאגערע, הויט און ביין, אייטערלעך, מחילה, נישט מעהר ווי א כזית, עס האט זיך עפיס געבאמבעלט א דאר שטיקעל, עט, גלאט אזוי זיך. די יפע, די פעל הייסט עס, דוקא פערשמירט, פערשמוצט, פערשלומפערט תמיד, פון הינטען דוקא פערקריצט, כלומר׳שט איין עק, משטיינס-געזאגט — און פונדעסטוועגען נישקשה, בילעבען, ווייט אין דער וועלט צו זוכען, נישט געווען איהר גלייכען... דאס שענקייט איהרס איז בעשטאנען אין מעשים טובים — אין איהר גוטקייט, שטילקייט און עהרליכע אויפפיהרונג, דהיינו: זי פלעגט, ווי א יודישע קוה, אבריכטען גלות, נישט צו האבען א מקום מנוחה; פלעגט נעכטיגען, וואלגערן זיך אויף דער גאס, זיך קייקלען, האבען גלגול-שלג ווינטער אויפ׳ן שניי. סיידען אמאל אין די גרויסע ברענענדיגע פריעסט פלעגט מען זי פארבעטען אויף נאכטלעגער אין דעם פינסטערען הויז, וואו עס האט זיך געפונען דאס פעסיל וואסער, די גרויסע, פולע פאמייניצע, קלעצלעך האלץ, פוילע שמאטעס, גאנץ אלטע אי פריש-שמעקענדיגע בלאטע און מיסט. צום פאסטען איז זי געווען איין בריה אין דער וועלט. זי האט געקענט אבפאסטען גאנצע טעג און גארנישט! בכלל, איז זי נישט געווען אזוי ארייגעטאן אין דער אכילה, ווי אנדערע, גויאישע, א שטייגער. זי האט אין דעם גוטען יודישקייט ביסלעכוויז זיך אבגעוועהנט פונ׳ם עסען, אזוי אז זי האט אנגענומען פאר ליעב חאטש וואס-ס׳איז און וויפיעל-ס׳איז, אבי יוצא זיין, פער-שטאפען דאס מויל. פיעל יודישע בהמות האבען דאך אזעלכע מעלות, נאר זי איז זיי אריבער אלע.

איינגעהאנדעלט האט מען זי לכתחילה פאר א מציאה, עס האט נעהייסען פישש... עס גיסט זיך פ׳ן איהר — מילך. א בהמה, קיין עין-הרע, א וואוילע נאר א חריפות. הלואי מיט מזל, יעלה ויצמח; עס זאל זיך גיסען, שפריצען, מען זאל לעקען דערפון די פינגער! שפעטער אבער האט זיך ארויסבעוויזען, אז ס׳איז נישט אזוי די מעשה. דאס וואס מען האט פערלאנגט, איז נישטא!

דאך זי שולדיג מאכען דרינגען איינגאנצען וואלט געווען א גרויס אומרעכט. וואס איז, זי האט דען געהאט און נישט געגעבען? אי וואס,

מען האט זי איינגעהאנדעלט אויף דעם תנאי, מען זאל האבען פון איהר פיעל גוטס און נחת — עט, נארישקייטען, נארישקייטען, למאי מען האט איהר אנגעפייפט אין די מזונות, אין דעם קעסט-עסען כפי ההתחיבות! עס טרעפט זיך ביי יודען אזוינע זאכען. ביידע צדדים נארען איינער דעם אנדערען אב, נישט אזוי ווי מען זאגט, ווי מען שטעלט זיך פיר — און גארנישט. אויך בעשולדיגען זי פאר דער פרנסה איהרער, פאר דעם ארומשלעפען זיך אין מארק צווישען די גויאישע פוהר-לעך, א שמעק דא, א טאפ דארט, א שטעק די מארדע אהין און חאפען א לעק — דאס וואלט נעווים א גרויסע עולה געווען. ווארום אדרבה זאגט, וואס זאל א בהמה, נעבעך, טאן ביים ארבנעהן פון קעסט, אז עס לאזט זיך איהר אוים די מזונות! לעגען זיך, שונא-ציון, אין דער מיט גאס און פגרין פאר הונגער? לאז מען זיך מטריח זיין אין א יודיש שטעדטיל ערגיץ, וועלכעס עס איז, וועט מען זעהן, אז אלע בהמות ווי זיי זענען זיך מפרנס דארט אזוי. און גאר נאך אלע גליקען, משטיינס-געזאגט, אז אונזערער פלעגט שוין געראטען א חאפ טאן עפיס פון אויבען, איינגאנצען א פעטרישקע, פלעגט עס איהר, נעבעך, באקים אויספאלען, זי פלעגט חאפען ביטשען, קלעפ ווי האלץ, וויפיעל אי-איהר איז ארין, נעשפעט און ליטישע רער פונים גראבען עולם א צונאב נאך דערצו.

וואס הינט האבען צו איהר נעהאט, פאר וואס הינט האבען גע-האווקעט, געבילט, זי אנגעחאפט, געביסען? — דאס איז כלל נישט צום פערשטעהן; סטייטש, הינט, וואס לעקען אב א ביינדיל, חאפען שיריים פון יודישע פאמייניצעס; הינט, וואס יודען פערשטאפען זיי תמיד דאס מויל, איהר פערשטעהט, מיט א שטיקעל ברויט; הינט, וואס יודען מיידען תמיד זיי אוים דעם וועג מיט אבשיי, וואס האבען פונדערוויטענס נאך פאר זיי גרוים דרך-ארץ; נישמעהר, גארנישט! אויף בילערס איז נישט שייך צו פרעגען קשיות.

מילא, בקיצור, האט מען דא א קלארען חשבון פון אונזער בהמה׳ס שענקייט, עהרליכקייט. און דאס וואס איהר גוטקייט, שטילקייט אנבעטרעפט, דערויף קענען עדות זאגען אפשר א האלב שטעדטיל יודען. פיעל מאל פלעגט זיך מאכען, אין די שטאק-פינסטערע נעכט, א שטייגער, איז א יוד, נעבעך, נעשטרויכעלט געווארען און ארויס-געפאלען פוץ אויף איהר, אויף אונזער בהמה הייסט עס, וואס האט געהויערט אין גאס צווישען די געמארקען. א אנדערע אויף איהר ארט

האָלט עס זיכער אונטערגעטראָגען: סטייטש, וואָס איז דאָס פֿאַר א מאָדע קריכען ביי נאַכט, און האָלט איהם דערלאַנגט אַ וואָרף פֿון זיך העט, ווייט, צו אַלדי-שוואַרץ-יאָהר. אונזערע אָבער פֿלעגט זיך אויפֿהייבען שאַ שטיל, א שטעלגעבענדיג זיך אויף די פֿיס, און טראָגען דעם פֿאַרשוין, רייטענדיג איהר אויף דעם רוקען, א שטרעקע וועג, ביז ער איז אַראָבגעפֿאַלען אליין, ברעכענדיג זיך האַלז און נעניק.

אמת טאַקי, צו די דאָזיגע אלע שענע, גוטע מעלות האָט זי געהאַט, צווישען אונז זאָל עס בלייבען, אַביסעל חסרונות אויך. נאָר וואו איז דען דאָ אַ בהמה דורכאויס א כשר'ע אָהן אַברעקיל סרכא: בעדאַרף מען אַ בעסערען ווי אונזער בוהאַי, א שטייגער, א גדול, א גרויסער, א הדרת-פּנים מיט א בּרייטען שטערען און א דיק-קיילעכדיג בייכעל, אָדער הצאַפּ שלנו, א קאַטאָוועס עפּיס אונזער צאַפּ, אַזאַ פֿאַרנעהם, דער גרעסטער צווישען א שטאָדט ציגען — און פֿונדעסטוועגען, זאָל זיי דער שור-הבּר נישט שטראָפֿען פֿאַר די זינד, זענען ביידע דאָס, וואָס מען טהאָר נישט זאָגען, נישט דעם, נישט יענעם טהאָר מען נישט לאָזען אין שטאַל אָהן א שומר.

ווינטער אַמאָל, גאַנץ פֿריה, אַז איך בּין געלעגען איינגענורעט אונטער דער קאָלדרע, פֿערשלאָפֿען, נאָך נישט בּדעה האָבענדיג אויפֿשטעהן, געהן אין חדר, דערפֿיהל איך, ווי מען וועקט מיך, טאָרעט מיך, אין איין געשריי: גיכער שטעה-אויף, גיכער, גיכער! איך טהו מיך, נישט טויט — נישט לעבעדיג, א האָפּ-אויף און דערזעה פֿאַר מיר מיין שוועסטעריל, א מיידעל פֿון א יאָהר צוועלף. דאָס פּנים'ל שיינט איהר, די אויגעלעך פֿינקלען עפּיס מיט א גלאַנץ גאָר משונה, דאָס מיילכען האַלב-אָפֿען, אויף די ליפּעלעך עפּיס א פֿערגליווערט מין שמייכעלע, די וויל עפּיס זאָגען און קען נישט, אַזוי פֿאַרנעהמט איהר דער אָטהעם, נאָר וואָס זי שטרעקט אויס, ווערגענדיג זיך, דאָס הענטיל. טייטענדיג אויף עפּיס דאָרט אין דער מיט שטוב — אָ — אָ!

איך גיב א קוק — אוי, געוואַלד, א קעלבּיל! און אַזוי ווי איך בין, באָרפֿיס, נאַקעט, אין איין העמדיל, האַלטענדיג איין האַנד אויפֿ'ן קאָפּ, קיין צייט נישט האָבענדיג אויסזוכען דאָ און אָנטאָן דאָס יאַרמולקעלע, טהו איך א שפּרונג אַראָב פֿונים געלעגער, געשווינד צו איהם. די פֿרייד מיט מיר איז געווען אַזוי גרויס, גלייך ווי די וועלט איז מיינע. גלייך ווי אַלסדינג אין איהר פֿיהלט מיין שמחה. עפּיס לייכט די זון נאָר אַנדערש. עפּיס איז דער פֿריהמאָרגען מילדער, פֿריינדליכער ווי

תמיד, עפּיס פֿיהלט זיך אומעטום אין דער לופֿט יום-טוב'דיג, פֿול-און-פֿול מיט קעלבּיל. אַלסדינג שמייכעלט, זאָגט: גוט יום-טוב, מזל-טוב דיר מיט'ן קעלבּעל!...

איך זעץ מיך אויף די קניעלעך, אַביסעל פֿונדערווייטענס, און בעטראַכט מיר דאָס קעלבּיל. א שענס, א רויטס מראה געלכען, אויף דעם שטערען א ווייסער פֿלעק ווי א זילבערנע קאָקאַרדע, נאָר א נאָטס זאונדער. וואָס ווייטער, ווייטער גיב איך מיך א רוק-אונטער, בעקענענדיג מיך מיט איהם נעהענטער; וואָס ווייטער, ווייטער גיב איך עס א גלעט, דאָ א טאַפּ, דאָרט מיט א פֿינגער, אַריינקוקענדיג איהם בּשעת מעשה אין די אויגען, ביז איך ווער דערמיט שוין א נאָהענטער שמעלקע און לאָז איהם אַראָב א גראָבען „שלום-עליכם", אַזוי טאַקי מיט דער גאַנצער האַנד, מיט אַלע פֿינף פֿינגער.

דאָס קעלבּיל האָט א פּנים נאָך נישט געוואוסט דעם טייטש פֿונים „שלום-עליכם", מיט וואָס מען עסט עס, וואָרום עס האָט זיך עפּיס געפֿיהלט ווי בעליידיגט, און צונויפֿנעהמענדיג זיך מיט אַלע קרעפֿטען געפּרובט אויפֿשטעהן. פֿריהער האָט עס אָנגעהויבען הינטען-אַרום, פֿאַמעליכען-פֿאַמעליכען זיך געשטעלט אויף די הינטערסטע פֿיסלעך, בלייבענדיג אָנגעשפּאַרט אויף די קניע פֿון די פֿעדערשטע, וואָס נאָך פֿאַרלעגט אונטער זיך אַזוי, אַז ס'איז אויסגעקומען עפּיס משונה, ווי עס שמעהט, מחילה, ראַקום. שפּעטער אַביסעל האָט זיך עס שוין געשטעלט אויף אַלע פֿיער פֿיס, וואָס האָבען זיך געשאָקעלט ווי פֿיסלעך פֿון א צושאָטענעם טיש. פֿונים פּופּיק איז איהם אַראָבגעהאַנגען, באָמבלענדיג זיך, עפּיס ווי א שטיקעל בענדיל און אויסגעזעהען אינגאַנצען מראהלעקיש. אַזוי איז עס שאָקלענדיג זיך, אומגעלומפּערט, אויסשטעלענדיג א פּאָר קעלבערנע אויגען, א היבשע ווילע געשטאַנען — און פּלוצלים פֿערדרייט עס דעם וויידעל און נאַלאָפּ, נאַלאָפּ איבער דער שטוב. עס ווערט א רעש, א געפּילדער, עס פֿאַלט אום די מילכיגע באַנק מיט דעם צעבראָכען פֿיסעל, עס דערשרעקען זיך די היהנער, פֿליהען משוגע'נערווייז איבער טיש און בּיינק, צעבּרעכען א גלעזעל, קעהרען איבער עפּיס א שיסעל. די מאַמע בּיי דער קינפּעטאָרין, בּיי דער בהמה הייסט עס, דאָרט אין הויז, דערהערט דעם טאַראַראַם, דעם האַרמידער, לויפֿט אין איין אָטהעם אַריין אין שטוב שטאַרק אויפֿגעבּראַכט און לאָזט אויס איהר צאָרען צו מיין קאָפּ.

אוי, א טאָג, האָב איך עס געהאַט דענסטמאָל, א טאָג פֿון פּעטש

און קלעפּ אין דער היים, אין חדר, געלייזט געטנג, נישט פֿאַר קיין יודען געראַכט!

אַוועקגעגאַנגען פֿון דער היים אין חדר בין איך מיט אַ קאָפּ פֿול מיט קעלבּיל. ווען איך האָב בּעגעגענט אויפֿ'ן וועג, האָב איך אָנגעזאָגט די בּשורה: אונזער קיה האָט געהאַט אַ קעלבּיל! פֿאַר איטליכען פֿון מיינע בּעקאַנטע יונגלעך האָב איך אָבּגעלויבּט אין טאָג אַריין דאָס קעלבּיל, אונטערשמייכלענדיג דערבּיי פֿאַר גרויס הנאה ווי אַ בּעל-שמחה, געמיינט דערמיט — הע-הע! לאָזען זיי מיר מקנא זיין. ווען מיר האָט געטויגט, האָב איך צוגעזאָגט ווייזען איהם דאָס קעלבּיל, אויסאייגעם מיט מיר זיך דערמיט אַבּיסעל אָנשפּילען. בּיי איינעם אָפּילו האָב איך געגנמען פֿאַראויס אַ פּאָר יונ'ישע מעשענע קנעפּ מיט אָדלערס און אַ יערלען בּייטעלע, שווערענדיג איהם: „ווי איך בּין אַ יוד!" אַז דער כּבוד פֿאָהרען רייטענדיג צום-ערשטען אויפֿ'ן קעלבּיל געהער איהם. עס פֿאַרשטעהט זיך, אַז פֿאַר גרויס שמחה און אַזוי פֿיעל געשעפֿטען האָב איך מיר פֿאַרשפּעטיגט קומען אין חדר, און געחאַפּט אַ מיאוסין פּסק.

נאָר פּעטש זענען פּעטש און קעלבּיל איז קעלבּיל. די גמרא ליגט פֿאַר מיר אָפֿען און עס קוקט אַרויס פֿון דאָרט, עס דרעהט זיך מיר פֿאַר די אויגען — קעלבּיל. עס קריכט, קריכט מיר אין קאָפּ אַ מאָרדעצקע, אַ שענס, אַ געטאָקטס, אויערלעך קליינינקע, אויפֿגעשטעלטע, אַ קעפּעלע, אַ היַלזעלע. דער רבּי קנעלט, מריקעט מיט אַ גמרא-ניגון, און מיר אין די אויערען מעקעט די קוה נאָכ'ן קעלבּיל. דער רבּי טהוט זיך אַ הויבּ פֿונ'ם בּיינקעל — דאָס קעלבּיל אַ הויבּ אויף די פֿיסלעך; דער רבּי שטרעקט אויס די האַנד — דעם קעלבּיל פֿערריסט זיך דאָס קיל: האָץ-האָץ-האָץ — און עס פֿליהט אַ פּאַטש! דער רבּי איז בּייז, פֿרעגט, וואו איך האַלט? איך האַלט מיך בּיי דער בּאַק. עס האַלט שוין בּיי מקיים כּפּסק זיין, איך האַלט עס נישט אויס. עפֿענט זיך פּלוצלים די טיר — און עס עפֿענט זיך מיר ווידער אַ וועלט. סקאָציל קומט, רבּי'צען! אהא, אָט איז ווידער דאָס קעלבּיל. די רבּיצען לויפֿט אַרויס בּייז, אַ קלאַפּ-געבּענדיג מיט דער טיר, דער רבּי, אַרויס פֿוי די כּלים, לאָזט אויס זיין שוועַר-בּיטער געמיט צו מיר

אַז איך בּין יענעם טאָג אַ לעבּעדיגער, אַ גאַנצער אַ היים געקומען, איז טאַקי נאָר גרויסע נסים מיר געשעהען.

קומענדיג אַהיים איז די ערשטע זאַך מיינע געווען — קעלבּיל. שטיל אויף די שפּיץ פֿינגער האָב איך בּשתיקה, ווי אַ ליעבּהאָבּער צו

דער געליעבּטער, מיך צוגע'גנבה'ט צום קעלבּיל. די מאַמע האָט עס פֿערשטופּט אין אַ ווינקעלע פֿאַר אַ גוט אויג, מען זאָל עס קיין עין-הרע נישט געבּען. אָנגעהויבּען האָט זיך בּיי מיר ווי דער שטיינער איז, פֿריהער אַ קוק, אַ עסען פֿאַר ליעבּשאַפֿט מיט די אויגען. און אַ ווײַלע אַרום שוין אַ גלעט, אַ טַפּ, דערנאָך אַ האַלזען, אַ אַרומנעהמען, גאָר נפש אַחת, און לסוף שוין גראָבּליך, מחילה, אַ קוועטש — און מיין קעלבּיל טוט אַ שפּרונג אַ הין-אַ-הער איבּער דער שטוב, ווערט עס אַ איבּערקעהרעניש, סדום ועמורה, און עס רעגענט אויף מיר פּעך און שוועבּעל, פֿייערדיגע פּעטש הייסט עס, גאָר אַ שרעק!

די ליעבּע צום קעלבּיל איז בּיי מיר געוואַקסען מיט יעדען טאָג און צונלייך מיט איהר די יסורים, האַרצוועהטאָג מיינע, וואָס זי האָט מיר אָנגעמאַכט. מיין קינדערש הערציל איז פֿערלאָפֿען מיט בּלוט, האָט נישט געקענט רוהיג אָהן פֿערדראָס האָרכען דעם שמועס איבּער דעם קעלבּיל, ווי מען וויל עס, געבּעך, קוילען, ווי מען דינגט זיך מיט דעם קצב, מיט וואָס פֿאַר אַ גרינגע לעבּער מען צוגלידערט עס לעבּעדיגערהייט, שניידט, טיילט זיין גוף'ל, געבּעך, ווי מען רעכענט אויף די פֿינגער אַזוי פֿיעל פֿאַר זיין פֿעלכען, אַזוי פֿיעל פֿאַר דעם פֿערער-חלק, אַזוי פֿיעל און אַזוי פֿיעל פֿאַר זיין איטליכס גליעד בּעזונדער. עס שטעהט זיך, קוקט, קוקט אַזוי גוט, היימיש, לעקט דער מאַמעס האַנד אַזוי ליעבּליך-פֿריינדליך, און דאָ שאַצט מען אָבּ דעם ווערטה פֿון זיין לעקער, פֿון זיין צינגעל! ס'איז עפּיס טאַקי אַ געוואַלד, אַ רציחה! —

דענסטמאָל האָב איך נאָך נישט געוואוסט קיין חכמות, זיך נישט אַריינגעלאָזט אין טיעפֿע חקירות איבּער מענשען, בּהמות, נאָר נישט איינגעפֿאַלען מיר אָפּילו איבּערצוטראַכטען, אַז אין דער פֿיהרונג פֿון דער וועלט קען געמאָלט זיין פֿעהלער; אַז דאָס אַלסדינג, וואָס איז פֿון גאַנץ לאַנג שוין אַזוי געשטעלט, בּיי לייט אָנגענומען, האָט אפשר נישט קיין האַפֿט; אַז גרויסע מיט בּערד קענען נאָר זיין יונגלעך; אַז חכמות אַזוינע און אַזוינע קענען נאָר זיין נאַרישקייטען, פֿילוסופֿיות — פּלוידערייען. גוטסקייט און פֿרומקייט — אַכזריות, ווילדקייט. חלילה! אַלסדינג איז אַזוי בּיי די עלטערען אין שטוב, ווי אַזוי אין חדר, אין שוהל, אין בּית-המדרש דאָרט, דאָס איז שכל'דיג, רעכט, פֿיין, ווי גאָט האָט געבּאָטען. און אויבּ מיר איז פֿריקרע געווען אַמאָל, עס האָט מיך עפּיס געאַרט, איז דאָס נאָר געווען גלאַט אַזוי זיך. בּשוגג, אומגערן, גלאַט עס האָט זיך אַזוי געפֿיהלט, גאָר פֿון זיך אַליין אַזוי געהאַלט — און

דאָס פלעגט מיר דערנאָך ערגערן, קאָסטען א שטיק געזונד, חייל טאַקע אין דעם פיהלען, אין דעם וועלען, אַט דרינען, לויט זיי זאָגען, שטעקט דער יצר-הרע. ער גיט עס איין דעם מענשענס האַרץ חשק, עס זאָל פיהלען, עס זאָל וועלען, ולא תתורו אחרי לבבכם — א יונגעלע זאָל זיך נישט וועלען, האָט געטייטשט דער רבי.

עס האָט מיר וועה געטאָן דאָס האַרץ אויפ'ן קעלביל: געוואַלד, א רחמנות! עס האָט מיך פערדראָסען, געברענט. געבראָטען: געוואַלד, וואָס וויל מען האָבען, געבעך, פון זיין לעבען! און דערביי האָט עס מיך טאַקי געפיקט, געפיקט: געוואַלד א עברה: אויף וועמען דו האָסט רחמנות און אויף וועמען דו ביסט אָנגעדרודעלט, שיינעץ איינער!... איך האָב מיר אָנגעטאָן א כח ארויסשלאָגען פונ'ם זינען די גאַנצע מעשה מיט דעם קעלביל, איך בין נישט מחויב פאַר איהם מקריב זיין מיין נשמה, פרעגלען זיך אויפ'ן פייער אין גיהנם, נאָר עס האָט אָבער נישט געהאָלפען, פאַרקעהרט, וואָס מעהר איך האָב עס געטריבען, מעהר איז עס מיר אין קאָפּ אריין נעקראָכען. עס האָט זיך מיר גערדאַכט אזוינס, וואָס א שרעק: פון איין זייט, דאַכט זיך, א אויסגעשטרעקט, איבערגעשניטען העלזעלע, א גיסען-זיך בלוט, א ארויסגעשטעקטע צונג, פאַרגלייזטע אויגען, א האַרחלען, א מאַכען מיט די זייטען, א צאַפּלען, א האַרפּען-זיך, א דריגען מיט די פיס. פון דער אַנדערער זייט א שוחט מיט א פרום-פּנים'ל, א חלף אין דער האַנד אונ א ברכה-מאַכען מיט די ליפּעלעך.

איך בין אַרומגעגאַנגען צוקאָכט, הינד-און-וועה איז מיר געווען פון ביידע זייטען, האָב מיך געשעמט קוקען דעם קעלביל און דער מאַמע. להבדיל, אין די אויגען. ווער וויס צו וואָס דאָס וואָלט געפיהרט, ווען עס זאָל זיך נישט געווען אונטערדוקען פלוצלים אזוינס, אויף וואָס מען האָט זיך כלל נישט געריכט

ס'איז א ווינטער-נאַכט. א פראָסט מיט א ווינד. א פראָסט א ברע-נענדיגער, א ווינד א שטורעמדיגער, עס בלאָזט, פייפט, ריפּ-סקריפּ, ווי אויף א חתונה פון טויזענדער רוחות; עס שפּרינגען, טאַנצען ווילע שניי, דרעהענדיג זיך משוגע'נערווייז איבער די גאַסען. עס קנאַקען, טראַסקען דעכער, עס היילט, וועהעט אין די קוימענס און עס זשומען, צימבלען שויבען אין די פענסטער. אויף דער גאַס קיין לעבעדיג בעשעפעניש, נישט איין יודיש'ע בהמה, אלע ווי אויסגערוימט. אונ

הערלכע ווענען פערבליבען דאָ, ליגען בעגראָבען, אז אָך-און-וועה צו זיי. סיעף איבער די אויערען אין שניי.

אונזער בהמה, עפּיס נאָך, משטיינס-געזאָגט, א שטיקעל קינד-בעטאָרין, האָט אונטערגענעלטינט אין דעם פינסטערען הויז, אין געץ און שמוץ, וואו עס בלאָזט פון אויבען, פון אונטען, פון אלע זייטען; וואו ס'איז אומצוקומען פאַר קעלט. און וואָס טהוט א בהמה? א בהמה מעלה-גרה'ט, חזרט, קייעט איבער אלץ פריהערדיגע, שוין האַלב פער-דייעטע, פוילע, נמאָס-ומיאוס געוואָרענע זאַכען, אז גייע שפּייז פאַר זיך האָט זי דאָך מכות — און ביים איבערקייען קייכט זי, לאָזט זי שטילע זיפצען. די זיפצען צוגעהען זיה הייט ארום און לאָזען זיך פיהלען אויך אין שטוב.

אויף מאָרגען גאַנץ. פריה האָט מיך אויפגעוועקט פונ'ם שלאָף א ביטער געשריי, א יאָמער, א קלאָג, ווי מען בעוויינט א טויטען. —

דאָס וויינט, שרייט די מאַמע. וואָס איז? געפּגר'ט די בהמה! דאָס הויזגעזינד איז פערמומערט, אין שטוב הערשט א טרויער, אפילו דער האָהן שטעהט אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, נישט ארויסגעפיהרט די היהנער זיינע פון אונטער דעם אויבען האָפערדיג, קוממיות, ווי תמיד. איינע פון די היהנער מיט א איי פּאַדעט, קוואָקעט, ווכט א אָרט, וויל זיך לעגען, און נישטאָ ווער זאָל איבערדעקען זי מיט דער זיפ ווי געוועהנטליך. נאָך איינע פליהט ארויס פון אונטער דער בעט, הענדום-פענדום אויף א ביינקעל מיט א פעררים קעפּעלע, זעהר שטאָלץ אין איין קול: מזל-טוב מיר מיט א איי, זיך שוין נעלעגט אין א גוטער שעה! און דער שענער מאַן, דער האָהן, זאָל זיך עס אויף איהר וואָטש ארומקוקען, צוגעהן, ווי דער שטיינער איז, ארונטערגעהמען זי אונטער די פליגעלעך, קוצעניו-מוצעניו פאַר אזא גוטע בשורה. קיינער איז נישט אין קאָפּ, אלע שטעהען פערמומערט, ווייבער, שכנה'ס אויך אינגערעכנט. די מאַמע איז מספּיד פאַר זיי די בהמה, דערצעהלט איהרע שבחים, איהר קעז און פוטער. וואָס איך וועניגסטענס האָב עס אין די אויגען נישט געזעהען, נאָך מעלות אזעלכע, אל-דאָס גוטס, פון וועלכע — א חידוש, כ'לעבען! — איך האָב פריהער גאָר נישט גע-וואוסט, און לאָזט אויס מיט א וויינענדיגען ניגון, אז דאָס איז זי געפּגר'ט פאַר אונזערע זינד.

— הערט א מעשה — זאָגט זי, פערגלאָצענדיג די אויגען צו דער

סטעליע — הערט וואס פאר א נאט מיר האבען! היינט גאנץ פריה,
כלחור השור, אט די טיר אט-א, פון דער שטוב און דעם הויז, עפען
איך. נעה איך חי א בעל-הבית'טע מעלקען פריה אריין. דאס מעלק-
שעפעל אין דער האנד: שטרוי צום פרעסען האט דער בעקאנטער גוי
נאך נישט געבראכט. פארגעסען. א פראסט א שרעק. צייט מעלקען.
רוף איך: מאין-מאין-מאין! זי רופט זיך נישט אב. געה איך שוין צו
נאהענט, אביסעל מיט פערדראס, טראכטענדיג ביי מיר: סטערווא. חיל
איך מעלקען — העהע, איז זי פערשאטען מיט שנעע, אריינטראגענדיג
זיך ביי-נאכט דורך די שפארונעס, די האר פערפרוירען חי סטרעמפלעס
אויף דעם רוקען, שטעל איך אוועק דאס מעלק-שעפעל, נעהם א בעזעם,
נעהם, שאר-שאר דעם שנעע, און זי, די שפלה. זאל זיך עס חאטש
ריהרען. איך גיב א קוק — אוי. א דונער האט מיך נישט דערשלאגען,
זי איז טויט! סטייטש, וואס הייסט? פאר חען, פאר וואס? פון דער
העלער הויט? נישט צום פארשטעהן. פאלט מיר פלוצלים איין: אוי,
א וועהטאג א גרויסער, א וועהטאג מיינע שונאים! איהר הערט, מיר
האבען פארגעסען די סעודה, מאכען נעכטען ווי אלע יאהר „תוספות-
יום-טוב! מיין יהוס איז עפיס א קאטאוועס. פונ'ם תוספות-יום-טוב'ס
משפחה שטאם אים. אין דער מגילה זיינער אויף דעם נס, וואס איהם
איז געשעהען, האט דער גרויסער צדיק, עליו-השלום, בעשווארען זיינע
קינדס-קינדס-קינדער, זיי זאלען אין חודש אדר, נעכטען הייסט עס,
מאכען א סעודה, חי פורים. ווער עמיצער נישט מקיים זיין, זאל
זיך איהם טרעפען א אומגליק. אט, האט איהר טאקי, איהר הערט,
דאס אומגליק. דעריבער טאקי איז די בהמה. סאנצעלאמעס, די כפרת
געווארען. וואס דען? נאר פלוצים ערשט נאכ'ן קעלבען זיך, פגר'ט
עס א בהמה! — —

און אינדערמיט הספד, פליהט אריין פונ'ם אלקירעל דאס קעל-
ביל, האץ-האץ מיט א פערריסען ווירעל, א פערווארפען קעפעל, מע-מע
אין איין קול. דאס הארץ רייסט ביי איטליכען אין שטוב, קוקענדיג
אויף דער יתומה, נעבעך. אלע פארשטעהען דעם טייטש פון מע, וואס
דאס מע בעדייט. דאס מעקעט עס, נעבעך, נאך דער ברוסט, עס חיל
עסען. דאס מעקעט עס, בעט זיך צו דער מאמע, זי זאל עס אויס-
צוואגען, אבלעקען מיט דער צונג. חייבער, שלנה'ס, ווישען די נאז,
די אויגען, מאכען פיסקעלעך, און די ליפעלעך זייערע ריהרען זיך,
בריים צום רעדען. איינע פון זיי. א וואוילקענעריגע, וואס שוט אין די

דער חערטער פון די היליגע חכמים, פונ'ם רבינו בחיי, פערהאפט
פריהער און צולאזט זיך אין א בריטען שמועס.

— דער וואס לעבט אייביג, ברוך הוא וברוך שמו, חאס איך בין
נישט חערטה זיין נאמען צודערמאנען — הויבט זי אן אויף התינה-לשון,
צומיפשנירענדיג די ליפעלעך און קנייטשענדיג א פרום פנים'ל — דער
אלמעכטיגער, חאס איז געאכפערט, גענרויסט צווישען די הערשאפטען
סלאכים, די דא הייסען חיות הקודש, ער איז גערעכט און זיין משפט
א גערעכט, כי מפני הרעה, פאר די זינד, זאגען די חכמים, פגר'ט
זמאל א בהמה. לאז זי, די בהמה, זיין א קרבן-עולה, מכפר זיין, ריי-
ניגען, חי די פרה-אדומה, אייך און כל-ישראל, פון אלע אומריינקייט
און פון אלע אומווירדינקייט, אזוי חי עס שטעהט געשריבען: אויב די
זינד זענען ווי פורפיל רויט, חעלען זיי חיים חערען חי א שנעע. און
א ביב אזוי, אז דורך א פיך. די בהמה מיינט מען, האט בעשיינפערליך
זיך געטאן ענטפלעקען אזא גרויס וואונדער, וואלט מיין ראטה, עצה
טובה, געחען, דאס קעלביל, די פרוכט פון איהר מוטער-לייב,
זאל בלייבען די חידערשפענענדיגע קינדער צום אנדענקען, אויף דעם
משונה-ווילדען מופת, דאס זיי זאלען מעהר נישט מוטוויליגען, נישט
פארשוועכען די שבועה פון פארכצוטע צדיקים. לאז עס ביי אייך זיך
האדעווען, און דער, חאס שפייזט מביצי כינים, פונ'ם קליין חערמיל
ביז דעם ריזעלטיער, חעט העלפען עס צושפייזען אמאל מיט שאלעכטס
פון קארטאפעל, אמאל מיט אביסעל קלייען, דאס אביסעל, יענס
שיסעל. וואס קען עס זיך אגועהען אין דעם בעל-הבתישקייט א קעל-
ביל. לאז זיך אייך דאכטען א ישיבה-בחור — נאך א לעפעל געקעכטס,
נאך א שטיקעל ברויט, א קבצן — א קבצן, נעבעך. איהר פארשטעהט,
און א ישיבה-בחור, טפוי, פון א קעלביל מיין איך, חאקסט אויס
א בהמה, און א בהמה איז גוט, תמיד אנגעלעגט, ווער שמועסט ביי
היינטיגע משוגע'נע צייטען. און בפרט נאך ביי יודען. את-חא-חא!
שפיעלט אודאי אגרויסע רָליע א בהמה.

אלע חייבער באסעווען צו. די מאמע לאזט זיך איינרעדען. דאס
קעלביל בלייבט לעבען — און מיר פאלט אראב א שטיין פון הארצען.

די מעשה מיט דער בהמה, איהר אונגעוועהנליכער טויט, נאר
שלא כדרך הטבע, האט אנגעמאכט א רעש אין שטעדטיל. לייט זענען
געקומען אויף חידושים אקוקען דאס קעלביל, עס האט בעקומען א נאמען
און געהייסען: „תוספות-יום-טוב-קעלביל"

אַ קענען אַ דריי טעג האָט זיך געטראָגן איבער דעם שטעדטיל אַ היילען, אַ וואויען, נאָר טויב צו ווערען. דאָס האָבען געתאויעט הינט, וואָס האָבען זיך משאַטעס-ווייז פֿערקליבען אויפֿ'ן פֿעלד, צו-טאָן דער בהמה איהר רעכט, זיך געריסען, געביסען און מטפּל געווען, ווי געהעריג, מיט דער נבלה.

שטאַרק געפּיינקט די ערשטע צייט האָט דאָס קעלביל, נעבעך, נאָך דער ברוסט. מען האָט עס געשטילט אַמאָל מיט אַ לעמעשקע פֿון קאָרענע קלייען, אַמאָל מיט ברויט אַ שטיקעל, מיט אַ הויפֿען היי. ציינדלעך האָט עס געהאַט אַכט פֿערערשטע, שענע, הייסע, נאָך ביים געבוירען ווערען, איך האָב זיי אַליין געצעהלט. עס האָט געגעסען און דאָך צו-ווילען אונטערגעמריקעט. עס האָט אַלץ געכמאָרעט מיט דער נאָז, געזוכט, געשמעקט, און וואָס נאָר איהם איז צום מויל געקומען, אַ האַנדטוך, אַ טישטוך, אַ זאַק, האָט עס געקייט. אַ היטעל, אַ יאַרמולקע — אויך סחורה. איינמאָל האָט עס שיער זיך נישט דערוואָרגען מיט אַטשאָלענט-שמאַטע. אַ נס וואָס מען האָט זיך בייצייטענס אַרומגעקוקט, גראָד בעדאַרפֿט ניכער פֿעררוקען דעם טשאָלענט. און אויב מען איז פֿון איהם דאָס אַלסדינג אויסגעשטאַנען, נישט זיינער פּטור צו-ווערען, איז דאָס נאָר געווען אין דעם זכות פֿון דער מאַמען זיינער, זאָל זיך דאָרט מיהען. איך איינער האָב עס אבֿת טאַקי ליעב געהאַט טיעף פֿונ'ם האַרצען, עס שטאַרק בעדויערט; אַ רחמנות, ס'איז, נעבעך, עלענד, אַ יתום!... האָט מען עס אַמאָל בעליידיגט מיט אַ קלאַפּ, מיט אַ זעץ, פֿלעג איך מיר אַרויסשטעלען, זיך אָננעהמען קעלבילי'ס קריוודע, און געחאַפּט דערפֿאַר דאָס מייניגע. אָט דאָס האָט מיך נאָך מעהר צוגעצויגען צום קעלביל דערפֿאַר, וואָס מען איז אַקעגען אונז ביידע געווען גראָב אומגערעכט, וואָס מיר ביידע האָבען געליטען פֿון אַנדערע, שטאַרקערע פֿון אונז, נאָר אומזיסט. נישט אַזוי די בעליידיגונג, די יסורים, דער וועהטאָג פֿון קלעפּ האָט מיך געאַרט, ווי דאָס אומרעכט, מיט וועלכעס יענע האָבען עס אָנגעטאָן.

און אַ פּנים, ביים קעלביל בין איך אויך טאַקי געווען אַ שטיקעל חשוב. וואָרום עס פֿלעגט זיך לאָזען גלעטען פֿון מיר ביים קעפּיל, אָננעהמען ביי די אויערלעך, קוקענדיג דערביי צו מיר מיט אַ פּאָר אומעטיגע אויגען. לעקענדיג מיך פֿריינדליך, גלייך ווי עס וואָלט זיך פֿאַר מיר עפּיס געקלאָגט, געוואָלט עפּיס אַזוינס זאָגען. איך ווידער

האָב עס, דאַכט זיך, פֿערשטאַנען, געפֿיהלט, וואָס איהם אויף דער לונג, וואָס לעקט עס מיך מיט דער צונג.

אָט דענסטמאָל-אָ, דעם קעלביל צו פֿערדאַנקען און דעם הויז-געזינדס בענעהמונג אַקעגען איהם, איז אין מיר אַריין אַ געדאַנק, נאָר עפּיס ווי אַ דבוק — אַ געדאַנק, זאָג איך, נישט גלאַט אַ געפֿיהל, אַ טונקעלס, אַ שטומס אָהן לשון, נאָר טאַקי ריין גערעדט, מיט ווערטער: אַז אַ בהמה, בלוט און פֿלייש ווי אַ מענש, האָט אויך, איהר הערט? אַ נשמה ווי ער; אַז אַ בהמה מיט הארץ, מיט אַלע רמ״ח אברים, ליב-און-לעבען ווי אַ מענש, פֿיהלט לייד און פֿרייד, יסורים און פֿערגעניגען אויך ווי ער! —

שפּעטער האָב איך מיט דעם דאָזיגען געדאַנק מיך אַרומגעטראָגן גאַנץ אָפֿען, איהם געלאָזט וואַקסען, וואַקסען, זיך אַרויסזאָגען פֿריי, נישט געהערט אַ וועלט, ביז ס'איז געקומען אַזוי ווייט, אַז בהמות האָבען אויך אַ לשון, זייער לשון, זייער קוק אויף דער וועלט, זייער מין יושר און דרך-ארץ, זייער פֿאַמיליענלעבען, אייגענע און קהל'שע אינטערעסען, זייערע מיני געבאָט, מנהגים, געריכט, און אפֿשר טאַקי אויך זייער מין רעליגיע — קורץ, אַלע מעלות און חסרונות ווי מיר, נישט צוזאָגען אפֿילו להבדיל. ס'איז דאָ אויך צווישען זיי אַלערליי אומות, נאַציעס, מינים, הייסט עס, אומות גרויסע, שטאַרקע, געוואָפֿענטע מיט גוטע כלי-זיין, וואָס רויבען, רייסען, געוועלטיגען ביד רמה, און אומות קליינטשקע, שוואַכע, קריכענדיגע, פֿערוואָגעלטע, ביי יענע אין די לאַפּעס. צווישען איין אומה בהמות גופֿא זענען דאָ פֿערשיעדענע קלאַסען: בהמות געהויבענע, זאַטע, פֿעטע, שענע, ליידיגגעהער, געלערנטע, מיט אָנשטעלען, און זיי אַקעגען יענע פֿונ'ם געמיינעם עולם: אויך-מיר-בהמות, הונגעריגע, דאַרע, אויסגעדייוועטע, שטענדיג אין דער אַרבייט, פֿערנרעבטע, פֿערפֿינסטערטע, ווייסען נישט פֿון זייער חיות. עס זענען דאָ צווישען זיי גוטע אי שלעכטע, בייזע אי שטילע, רוהיגע, געלאַסענע; פֿוילע אי בריות; פֿאַלשע אי געטרייע; גנבים, נאַשערס, פֿרעסערס אי ערליכע, כשר'ע, נישט קיין טרפֿה'נע העלזער; עגאָאיסטען, נישט פֿאַרגינערס, קאַפּאַבעל אויף אַלסדינג פֿאַר'ן אייגען נפֿש'ל, אי באַרעמהערציגע, בערייט זיך מקריב זיין פֿאַר יענעם אין אַ נויטה. ראיות דערויף זענען דאָ גוזמאָ-גוזמאות, גאַנצע פּעק, ס'איז דאָ אַזעלכע, וואָס איטליכען פֿאַר דער נאָז, מען פֿערשפּאָרט נאָך הייט צו זוכען. ווער, אַ שטיינער. האָט נישט געזוהען, וואָס פֿאַר אַ מכנים-

אודה'טע א קוה איז ! א מנין בהמות אפילו מעגען אריינשטעקען די מאָרדעס צו איהר אין צעבער, בשעת זי פרעסט — און נאָרנישט, זי זאָל עס חאַטש א פיפס טאָן. אָדער נעהמט א הונט, א שטייגער. עס מאַכט זיך אַמאָל א הונט קומט אין שטעדטיל, עס מעג זיך זיין א אויס-לענדער, פון פרס-ומדי, פון עק וועלט, בילט ער מיט אלע גלייך, אין הינטיש לשון, איין דעה — פאַני-בראַטצי מיט אלע זיין-גלייכען, א הונט ווי אלע הינט, פערשטעהען זיך איינער דעם אנדערען זעהר גוט. אדרבה, איז עס דערזעהען אָדער דערהערט געוואָרען צווישען בהמות אזא קללה, אז א הונט, א שטייגער, זאָל מוזען בילען אזוי פיעל לשונות וויפיעל עס זענען דאָ מדינות. און דער וואָס בילט הינטיש דאָ, זאָל זיין א שטומער דאָרט ! יאָ, ראיות זענען דאָ גענוג, נאָר דער מענש אָבער וויל דערפון נישט וויסען. איהם איז גלייכער מאַכען זיי, די בהמות, פאַר שטיקער פלייש, נישט צוצולאָזען זיי קיין שום פיצעל שכל. קיין שום געפיהל. אינגאַנצען וואָס זיי לעבען איז נאָר פאַר איהם, טויגען זיי איהם, הייסען זיי ניצליכע; אלא ניט, זענען זיי שעדליכע, איבעריגע אויף דער וועלט. נאָר העט אין די פריהערדיגע דורות האָבען מענשען, ווי עס זעהט אויס, זיך א פנים געשייט אזוי מיאוס גראָב, אָקעגען די בהמות, די רציחה צו עסען זיי, געזוכט אריינלעגען אין יראת-שמים. — עס האָט געהייסען, ברענגען נאָר א קרבן, קוילען זי לכבוד זיין נאָמען, איהם א שטיקעל, זיינע „פריסטער" א שטיקעל, און אגב טאַקי דאָס איבעריגע פאַר זיך אליין. —

אָט אזוי האָב איך מיט דעם געדאַנק מיך ארומגעטראָגען, שוין אין די עלטערע יאָהרען, אָבער דענסטמאָל, בשעת נאָך א יונגעל, האָב איך דעם ראָזינגען געדאַנק, באַלד טאַקי ביים געבאָרען ווערען, געשטיקט אין מיר ווי א ממזר, נישט צולאָזען איהם אויפקומען, הויך א פיפס טאָן. לאָזען לייט נישט זעהן, וואָס פאַר א בחור'יל איך בין, פערקראָכען גאָר צו בהמות און טראַכט אזוינס, וואָס מען טהאָר נישט. נאַט אייך א בעל רחמים ! איך האָב געהאַט דערפון פיעל צער. נאָר דער יצר-הרע פון רחמנות איז אזוי גרויס, אז עס האָט מיך געצויגען צום קעלביל, און מיר זענען געוואָרען געטרייע חברים !

געטרייע חברים ! די דאָזיגע ווערטער וועלען עפּיס קלינגען משונה ווילד, עפּיס גאָר נישט פאַר דעם מוח. אמת ! אזוינע, ווי נאָך פיעלע אנדערע זאַכען אין דער וועלט, זענען נישט טאַקי צו פערשטעהן מיט דעם מוח, נאָר צו פיהלען בעדאַרף מען זיי מיט דעם הארצען. אגב

מענגיך צו דערקלערען זיך רעכט גוט יענעמס שטייגער דענקען, יענעמס מעשים, נישט צו פארזעצען זיך אין יענעמס לאַגע — אין זיין צייט, זיין עלטער, אין זיין אָרט. די צייט יאָהרען פון איטליכס עלטער אין דעם מענשענס לעבען איז א בעזונדער וועלט פאַר זיך מיט איהרע נייגג, מיט איהרע געדאַנקען, פאַרשטעלונגען, וואָס איז גוט, וואָס שלעכט, מיט איהר געשמאַק, מיט איהרע חפציות, אלץ-מיט-אַנאַנדער. ווילט איהר, א שטייגער, דאָס יונגעל פערשטעהן, מוזט איהר אין דעם יונגעלס וועלט געהן. איהר בעדאַרפט זיך פיהלען, הייסט עס, יונג, עס זאָל זיך אייך דאַכטען א יונגעל מיט די ביינער. דער חסרון איז אָבער, וואָס גרויסע, דערוואַקסענע, צי מחמת א קורצען זכרון, צי מחמת עפּיס אנדערש, בעטראַכטען די נייגג פון קינדער נישט לויט דער קינדערשער וועלט, אין וועלכער זיי אליין האָבען זיך אמאָל געפונען, נאָר לויט זייער איצטיגער וועלט אין די עלטערע יאָהרען. אזעלכע אָבער, יונג-אלטע, געמליך, וואָס וועלען זיך אראָבלאָזען צו מיר, אין מיין דענסטמאָליג וועלטיל און מיך גוט פיהלען — פאַר זיי וועט דער גאַנצער שמועס מיינער דאָ גאָר נישט זיין אזוי פרעמד.

דענסטמאָל האָב איך מיר אלסדינג נאָך מיין שטאַנד זיך פאָר-געשטעלט. עס האָט מיר זיך געדאַכט, אז ווי דאָס שטעדטיל מיינס, אזוי איז די גאַנצע וועלט. איין פנים, איין שטייגער פיהרונג; מענשען, בהמות — אלע גלייך. וואָס מאַכט עס אויס ! מענשען, יודען הייסט עס, דאַווגען, זאָגען תהלים, לערנען משניות, א בלעטיל גמרא, זיצען אין קלייטלעך, גענעצען, טאַלעבענדען זיך אַרום, בעשטעקלענדיג זיך מיט שטעקענס, שטעקעלעך אלערליי. יונגלעך געהען אין חדר, קעלבלעך, בהמות — אין דער טשערעדע. דער רבי מיט דעם קאַנטשיק, דער פאַסטוך מיט דער בייטש. איין רפואה צו א פאַטש, צו אלע וועה-טאָגען איז דאָס שפּילען זיך מיט חברים, א יונגעל, א קעלביל — וואָס מאַכט עס אויס ! אבי א לעבעדיג בעשעפעניש. זאָל מען, א שטייגער, האָבען די זכיה געפינען חן ביי א ליאַד הינטעל אין די אויגען, ער זאָל פאָלגען, בילען, אָנפאַלען, אז מען הייסט, איז מען גרייט איהם נישט נאָר דעם מיטאָג, אפילו די נשמה איהם אויך אוועקגעבען. חבר זיין מיט א הונט איז א גרויסער, גרויסער יחוס...

נישט דאָס בין איך אויסען.

ס'איז נאָך פסח. אוים בין-הזמנים. מלמדים נעהמען זיך קנעלען, איטליכער מיט זיין חדר. און דער פאַסטוך מיט זיינע בהמות.

עס מיך אינוועניג אַ בריה — האַפּ-האַפּ-האַפּ! טהו איך אַ שפּרונג, קוליע מיך פּאַר גרויס פּע־גענוגען עטליכע מאָל איבער און ציה מיך אויס אויף פּריש-ווייכע מאָך מיט דעם בויך אַרויף. די ליכטיגע זון קוקט מיר גלייך אין פּנים אַריין, שיינט, שמייכעלט, ווי גערעדט: אַ יאָ, יונגעלע, גוט?

עפּים גאָר נישט ווילענדיג, ווי פון זיך אַליין, עפּענט מיר זיך דאָס מויל און אַ יקום-פורקן-ניגון לאָזט זיך הערען אויף אַ וויינענדיג־קוויטשיגען בײ-קול׳כען. דאָס קעלביל קוקט זיך צו מיר אום און מאַכט: מע! עס האָט אַזוי פיעל געהייסען: שאַ, וואָס איז?...

איך טהו מיך אַ חאַפּ — האַ! וואָס איז, רב יודעלע, באמת דאָ אַזוי דאָס געוויין? שפּיי אויס, און בלייב שטום.

דאָס קעלביל פערטיעפּט זיך אין דעם עסען געשמאַק מיט כונה. איך קוק, קוק פערטראַכט און עס קומט מיר פאָר יעקב אָבינו, ווי ער פיטערט די שאָף ביי לבן-אַרמי, עס דאַכט זיך מיר אויך דאָס גוטע בעגעגעניש זיינס מיט רחל׳ען ביים ברונען דאָרט, ווי זיי קושען, האַלזען זיך פאַר גרויס ליעבשאַפט. עס טהוט מיך אינוועניג פּלוצלים עפּים אַ פּיק — און בלייב ליגען עפּים ווי אָבגעקאָכט.

דאָס איז געוועזן אַ פּיק פון יצר-הרע. דאָס האָט ער מיר געגעבען אָנצוהערעניש אַקעגען אַ שכן׳ס אַ מיידעל, זעהר אַ שענס, מיט וועלכעס איך פלעג מיך תמיד שפּילען, און פּלוצלים אָנגעהויבען זיך שעמען, רויטווערענדיג ביים בעגעגענען זיך מיט איהר, נישט רעכט צו-וויסען פאַר וואָס, היינטיגער פּיק אָבער האָט מיר געגעבען גוט צו פערשטעהן אַלסדינג, ס׳איז מיר טאַקי גוט אין טעם אַריין — און איך האָב דערפון גרויס צער געהאַט. דער יצר-טוב האָט מיר דערנאָך געגעסען: זעהסט-דו, בחור, אָט דאָס האָסט-דו איהר, פון דער נאַטור דיינער, ווי הייסט מען עס! זי, די שענע נאַטור, משטיינס-געזאָגט, מיט איהר פּוץ, מיט איהר חן, אָט די מכשפה׳טע גיט עס איין אַ מענשען מיאוסע געפיהלען אַזוינע ווי דיר אַצינד. נאַטור-שמור, שענקייט — שטינקייט— פע!... אין בית-מדרש אַריין, שייגעץ איינער!

עס פערשטעהט זיך, דאָס קעלביל, נעבעך, האָט פון איהם זיך אויך נישט געגאַרט. „סטייטש, סטייטש, אַ יודיש יונגעל און אַ קעלבילו! אַ שייגעץ ביסט-דו דען, שייגעץ איינער?!" —

דער יצר-הרע אָבער איז, נישקשה, קליגער פונים יצר-טוב, אַ פיעל שטאַרקער פון איהם. קוים איז אַ יונגעלע אַרויס פונים אונטער־

בעהעלפערס שלעפּען, טראָגען, ווי דער סדר העולם איז, פּיצעלעך קינדער, שלאָפינקע אויף די פּלייצעס אין חדר אַריין, און דאָס קעלביל אונזערס, אַ געזונדס, נישט קליין צו לויפען מיט די פיסעלעך אַליין, בלייבט גאָר איבער — אַ חידוש, כ׳לעבען — אין דער היים! עס געהט אַרום בטל. פאַר וואָס? — ס׳איז נאָך צו-יונג צו טרייבען עס אין דער טשערעדע, זאָגט דער פּאַסטוך, עס וועט נישט פערזאַמען די תורה זיינע: מעלה-גרה׳ן, מאַכען מיט דער מויל, נישקשה, שפּעטער אַביסעל אויך. לעת-עתה, זאָגט ער, זאָל זיך עס מגדל זיין אונטער אַ היימישער השגחה ביז דער רעכטער צייט. אין-ברירה, דאָס קעלביל בלייבט, נעבעך, און געהט איבער אויף אַ סך הענד. קיין האָניג דערפון האָט עס נישט געלעקט. די מאַמע ווייזט איהם אַ היי אין סידור; דער פערשטאָפּט איהם דאָס מויל מיט שהי-פהי; יענער לערענט דאָס דרך-ארץ — און פון די פיע׳ע טובות איז עס, נעבעך, שטענדיג הונגעריג, שטאַרק פונ׳ם לייב אַראָב.

אויף זיין גליק האָט זיך ביי מיין מלמד אויסגעלאָזט די תורה פאַר מיר. איך הויב אָן דערוויל צו לערנען, הייסט עס, אין בית-המדרש אַליין פאַר זיך. מען פערלאָזט זיך, הייסט עס, אויף מיין יושר, און די השגחה אויפ׳ן קעלביל געהט מיט-דער-צייט איבער אינגאַנצען מיר אין די הענד. איך ווער עס דער מדריך זיינער אין אַ גוטער שעה!

עס עפּענט זיך פאַר אונז ביידע אַ נייע וועלט — אַ וועלט אַ ליכטיגע, אַ שענע, אַ פרייע, וואָס נישט איך, נישט דאָס קעלביל, האָבען זי ביז אַהער, ליגענדיג פערשפּאַרט אין חדר, און שטאַלכען, קיינמאָל נישט אָנגעקוקט.

— לכה דודי! — זאָג איך אָננעהמענדיג דאָס קעלביל ביים שטריקעל, וואָס איהם אַרום דעם האַלז — קום מיין פריינד, נצא השדה, אַ הין אויפ׳ן גרינעם גראָז.

אי-אי, איז עס דאָרט גוט, מחיה! עס לעבט, עס ריהרט זיך אַרום-און-אַרום. גאָטס בעשעפעניש, וואָס ביז אַהער גאָר ווילד-פרעמדע פאַר מיר, פייגעלעך אַלערליי, מיני זשוקלעך אַזוינע, היישרעקען, גרילען אַזוינע און אַזוינע, פליהען, שפּרינגען הויך אין דער לופט אי אונטען צווישען דעם גראָז לעבעדיג-פרעהליך מיט אַ געזינגעריי, אַ זשושעריי, אַ צימבלעריי. עס הערט זיך אַ קאָנצערט, עס פיהלען זיך ריחות פון בשמים, עס שימערט אין די אויגען פון בלומען כל-המיני קאָלירען. עס אָטהעמט זיך עפּיס אַזוי גרינג, אַזוי פריי. עפּיס טראָ-

אויבען, שטעלט א פיסעלע אין גאָטס שען פריי וועלטעל, א קורצלע געטאָן רג ויף און ס׳איז איהם אריין אין טעם, הע-הע! וועט איהם שוין שווער זיין זיך אומקעהרען צוריק; וועט עס פון א מינדסט שטופּעלע זיך רוקען, רוקען ווייטער, ווייטער, און דערנאָך — וועט עס געהן ווי א פוטער, גאָר פון זיך אליין.

איך בין געגאנגען, וואוהין? עס פערשטעהט זיך אהין, אין דעם פרייען פעלד, איך מיט דעם קעלביל טאַקי.

אָנגעהויבען לכתחילה האָבען מיר די פיטערונג מיט דעם גרינעם באַרג, נישט חייט פונ׳ם שטעדטיל, דערנאָך האָבען מיר זיך פערקליבען העט ווייט, אויסזוכענדיג א וואונדער-שען אָרט, נאָר א געמעהל. לאָז זיך אייך דאכטען א וואַלד. בוימער-סאָכנעס געוויקסיגע ציהען זיך ווי א סטרונקע גליין, הויך אין הימעל אריין, אונטען גלאַט-נאַקעט און אויף די קעפּ גרינע היטלען-קאַפּעלושען א ים, צווישען וועלכע עס ברעכען זיך דורך שטראַהלען ליכטיגע פון דער זון און בעלעגען דאָס ריינע סאַכעטענע גראָז ווי בײ די פּים מיט העלע פאַסען גינגאָלדענע. פאַר דעם וואַלד שטעהען קליינע-נעדיכטע וועלדלעך, פון נידעריגע, יונג-פרישע זאַפטיגע בוימלעך כל-המינים. צו-וואָרפען דאָ, דאָרט, אויף א היבשען, פרייען מיט גרעזעלעך און שמעקענדיגע קרייטעכצער בע-וואַקסענעם פלאַץ. פאָרענט-צו ציהען זיך פון איהם, פונ׳ם פלאַץ, אוועק פעלדער תבואה העט לאַנג, נישט צו פאַרנעהמען מיט׳ן אויג, און איהם בײ דער זייט לאָזט זיך די גאַנצע געגענד אַלץ נידעריגער-נידעריגער אראָב אין אַ טאָל, וואו עס שפּרודעלט, רייזעלט א ריין-קלאָר וואַסעריל לעבעדיג-שפּילענדיג ווי א קינד, דאָס בעהאַלטענדיג זיך ערגיץ צווישען געדיכטע פערצוויינטע ווערבעס דאָרט, דאָס א וויז-געבענדיג זיך ווידער, לויפענדיג-שפּרינגענדיג באַרג-אראָב פון שטיינדלעך אויף שטיינדלעך, האַלטענדיג אין איין מאַכען בול-בול-בול! חוץ מיר און דעם קעלביל נישטאָ דאָרט קיינער. נאָר וואָס אמאָל טראָגט דער גוטער יאָהר אָן עפּים א פויגעל, שטעלט זיך אויף א צווייגעל, וואַרפט אויף מיר בגנבה איין אויגעל, וואונדערענדיג זיך, ווער זאָל עס זיין ... דער מין נפש, טהוט באַלד טאַקי א בוק מיט׳ן קעפּעל, א טרייסעל מיט׳ן פיידעלע, א מאַך מיט די פליגעלעך און — זיי געזונד! אַוועק, אַוועק... אָדער אויף יענער זייט טאָל אקעגען לאָזט זיך אַמאָל אראָב א בושעל, טהוט זיך א שטעל אויף די לאַנגע, רויטע פּיס, אויסשטרעקענדיג אין דער הויה דעם לאַנגען זילבער-ווייסען האַלז מיט דעם רויטען פּיבק,

שטעהט אזוי א ווילע קיין ריהר זיך נישט צו טאָן. פלוצלים קליפּ-קלאַפּ, קלאַפּ-קליפּ מיט דעם שנאָבעל און — מאַרש, מאַרש איבער דעם זומפּ. צייטענווייז פערטראָגט זיך א ווידער-קול ערגיץ אין דעם וואַלד, א געקלאַפּעריי פון פוהרלעך אויף דעם וועג דאָרט.

איך ליג מיר, מחילה, צוליינט, שמאַכענדיג פאַר גרויס פערגעניגען, קוק אויפ׳ן קעלביל און טראַכט: אַז וואויל איז אונז ביידע! ביידע האָבען מיר איינער דעם אַנדערען צו פערדאַנקען דערמיט, וואָס מיר זענען דאָ. ווען נישט איך וואָלסט-דו אַצונד געהינעט אין שטאַלכען, און ווען נישט דו וואָלט איך אַצונד געהינעט אין בית-מדרש.

אָט אזוי פלעג איך פערברייננגען א שטיק טאָג, שעפּענדיג נחת פון גאָטס וועלטיל און פונ׳ם קעלביל, וואָס האָט זיך שטאַרק צוגעלאָזט צו מיר, געוואָרען מיט מיר, ווי מען זאָגט, פּאַני-בראַטצי. מען האָט געמעגט אָנקוקען אויף חידושים, מיט וואָס פאַר א קעלבערנע התלהבות עס האָט זיך געלאָזט לויפען, אונטערהויבענדיג דעם הינטען, מחילה, אַזוי זיך פלוצלים, ווי עס מאַכט זיך אַמאָל בײ אונז יודישע קינדער, עפּים נאָר פון דער העלער הויט. טאַקי גאָר עפּים ווי א קינד צו דער מאַמע פלעגט עס אַמאָל אויסשטרעקען דעם האַלז, אָנבייגענדיג צו מיר דעם קאָפּ, ווי געזאָגט: נאַ, קראַץ מיך!

אין פערלויף פונ׳ם זומער זענען מיר ביידע ווי איבערגעביטען געוואָרען. דאָס קעלביל האָט אויך זיך גענומען לייב, ס׳איז איהם אויסגעקראָכען די האָר און בעקומען אַ נייע גלאַנצענדיגע הויט. איך בין אויך געקומען צו די קרעפטען, בעקומען גאָר עפּים אַ נייע הייט און זעהר א שטאַרקען אַפּעטיט. דאָס לערנען האָט בײ מיר דענסטמאָל אזא טעם געהאַט ווי בײם זאַט קעלביר קומענדיג פונ׳ם פעלד האָט א טעם געהאַט שטרוי, קאַרטאָפעל-שאָלעכטס — עט, גאָרנישט, קיי-שפּיי!...

— מילא וועגען דעם קעלביל איז שוין נישטאָ וואָס צו-רעדען, מען האַלט שוין דערמיט אויף א שטייגער — עס וועט אם-ירצה-השם, אבי געזונד, זיין א בהמה. די שאלה אָבער איז אַצונד: בחור! וואו האַלט מען מיט דיר? אָט קוק דיך האָטש אָן, דאָס אויסזעהן דיינס. נאָר נישט דאָס איידעלקייט, דאָס יודיש פנים וואָס פריהער. א פנים, משטיינס-געזאָגט, א רויטס, עפּים איינגאַנצען מגושם גראָב, געזונד עשו! א עסעי אביסעל, עפּים נאָר געפּרעסען. בעהיט זאָל ... ווערען! ...

דאס האסט־דו דיר, בחור׳יל, פון דיינע פעלדער, דיינע וועלדער. וואס דען, גוטס קען דערפון ארויסקומען ?...

אזוי האבען זיך געווענדעט צו מיר מיט א מוסר מיינע היימישע, מיך געפרעגט און געענטפערט פאר מיר, זיי טאקי אליין :

— איין מיטעל פאר דיר, בהמה איינער, עס זאל אויס דיר ווערען א לייט, איז נאר די ישיבה. קיין אנדער תכלית איז גאר נישט געמאלט.

עס האט מיר הארציג באנק געטאן שיידען זיך מיט דעם קעלביל, מיט גאטס וועלטעלע, דאס שענע, וואס האט מיר אריינגעגעבען א נייע נשמה ; נאר ווער וויל עס נישט ווערען א לייט, קומען צו א תכלית ? אך, רבונו־של־עולם, האב איך ביי מיר געטראכט, עס זאל מעגליך זיין אריבערצופעקלען אהינצו, אין דער ישיבה, אט דאס אלס־דינג, דאס קעלביל אהין אויך טאקי !

דאס לעבען מיינס אין דער ישיבה, אדער בעסער צו אגען דאס זואלגערן זיך מיינס דארט, אין א ווילד־פרעמד ארט, פאסט נישט אהער צו דער מעשה. דער עיקר איז דאך דא די מעשה מיט דעם קעלביל, איך שלעפ מיך נאר ווי א צונאב איהם נאך, נישמעהר גלאט, אז ס׳איז שוין געקומען צורעד, מוז איך האטש זאגען עטליכע ווערטער.

א, אמת, די ישיבה טאקי ווירקט ! במשך פון א קורצער צייט האט זי אויס מיר געמאכט א נפש מיט א אויסגעווייקט פניס׳ל, מיט העויות און פאסטעמקעלעך, וואס האבען געהאט דעם זיבעטען חן. וואלט איך ווי אנדערע זיך געוועזן אוועקגעוואלגערט יאהרענלאנג דארט, איז גאנץ זיכער, אז זי וואלט אויס מיר געמאכט א לייט, טאקי וואס לייט הייסט, לכל־הפחות נישט ערגער פון יענע אלע אונזערע שענע לייט, וואס זענען איהר ארבייט, איהר מלאכה. נאר אמנם חטאתי ! מיך געשטערט דרינען האט זעהר פיעל דער יצר־הרע. ער אין דער געשטאלט פונ׳ם קעלביל און פון דער יפת־תואר — די נאטור די שענע, ער האט עס מיר פערדרעהט דעם קאפ, נישט לאזענדיג מיך ווערען א כלי־שלמה. אנקוקענדיג פאר מיר די קלויזניקעס, די ישיבה־בחורים האט זיך מיר נעדאכט — קעלביל. פלעגט איינער, ווי דער שטיינער איז, זיך קראצען — אט אזוי האט זיך געקראצט דאס קעלביל. פלעגט איינער א הארב שטיקעל עפיס אין דעם לערנען א מאל צעהן איבערקייען — אט אזוי האט געקייעט, געימעלה־גרה׳ט דאס קעלביל. האט איינעם, ווי געוועהנטליך, „געפעהלט א טאג" און

נישטא וואס צוקייען, ער האט געהונגערט, געלעכצט, געבעך, נאך א שטיקעל ברויט — אט אזוי האט די ערשטע צייט געהונגערט, גע־לעכצט נאך דער ברוסט דאס קעלביל. הכלל, איטליכע תנועה זייערע האט דערמאנט קעלביל. און וואלגערענדיג זיך אין דער ישיבה, גלייך אנדערע דארט, אמאל אייף א הארטער באנק, אמאל אויף דער ערד, א קולאק צוקאפענס, עס שטינקט, מחילה, וואנצען, פליי ביסען — אט דענסטמאל גראד, הערט א מעשה. פלעגט זיך מיר עפענען אין די גערארקען וואונדער־שענע פאנאראמעס. בוימער, תבואות, בלומען, בערגלעך, טאלען, א גילדענע זון און א ריינער בלויער הימעל, אין קאפ שפילט מיר א ציזיג, אין די אויערען זזשעט מיר א זשוקיל, אין נאז פארגעהען מיר ריחות — דאכט זיך בשמים... צוקאפענס, דאכט זיך מיר, פון מאך א קישעלע און עס קריכען אויף מיר, דאכט זיך משה־רבינו׳ס פערדעלעך. עס ציהט מיך, ציהט ביי דער נשמה אל׳י אהיז, אהין... נו, א יצר־הרע ! — —

און אמאל פלעגט עס מיך טאן א טראג־אויף, עס פלעגט דערוועקן זיך אין מיר הייסע געפיהלען, עס האט געקאכט, געוויינט אין מיר דאס הארץ אויף מיר, אויף מיינע חברים, יודישע קינדער.

אך ברידער, אין דער פרעמד פערוואגעלטע ברידער, אז־אך־און־װעה צו אונזערע „טעג", צו אונזערע יאהרען ! גענוג אנגעלערענט זיך אויף דער ערד, לעבעדיגערהייט זיך דא צו בעגראבען, שווארצען דאס פנים, זיך לאזען ביסען פון פליי, פון וואנצען. אין דער־ערד זענען מיר, אין דער־ערד איז אונזער לערנען...

נאר מיינע חברים ארום מיר ...ז ווי דער׳הרג׳טע. שלאפען ! — איך איינער בין וואך, ביז, טראכט וועגען זיי עפיס א שרעק און באלד האב איך חרטה, וויין שטילערהייט.

ברידערלעך, זייט מיר מוחל, וואס איך בין פונג אייער כבוד מיט א בייזען געדאנק, מיט א שלעכט ווארט אמאל. א גאטס רחמנות, געבעך, אויף אייך — שלאפט, שלאפט געזונדערהייט !...

„מאמע לעב ! — שרייב איך אין א שענעם זומער־טאג א היים צווישען אנדערע זאכען — געכטען איז ביי אונז געוועזן א סיום אויף „ביצה" ! איך בעגעהר, נישקשה, לערנען, האלט שוין, ברוך־השם, אויף א שטיינער... נאר וואס דען ? שטארק א היים בענק איך, נאך דיר, מאמע, נאך איטליכען (נאכ׳ן קעלביל האב איך מיך געשעמט זאגען). אוי, לאז מיך אויף א פאר טעג קומען א היים ! עס וועט קיין הוצאות

נישט קאָסטען. איך וועל גיין צופוס. נישקשה, וואָס איז? אַלע בחורים בײַ אונדז גייען צופוס. און נאָך וואָס פֿאַר אַ מין גיין — באָרפֿיס. מיט דעם שטעקן אין דער האַנט און דעם פּעקל אויף די פּלייצעס. אַקעגן אַ ח"י גראָשן פֿאַרמאָג איך טאַקי במזומנים, נאָך פֿון פּורים, פֿאַר לייענען די מגילה דער קעגנע דאָרט, וואו איך עס שבת, און פֿאַר אָפּטראָגן פֿונ'ם בעל־הבית משלוח־מנות צו זײַן מחותן. לאָז מיך, מאַמעניו, אוי, איך בעט דיך!

און נישט וואַרטענדיק אויף תשובה לאָז איך מיך שפּעטער מיט עטלעכע טעג, אַזוי ווי איך שטיי און גיי, אין וועג אַרײַן, עס פֿאַרשטייט זיך, צופוס. אויב ס'איז נאָר געמאָלט אויף דער וועלט גליק, און געווען דעמאָלט אַ גליקלעכער מענטש אויף איהר, איז דער איינער געווען איך. עס פֿאָהרן דאָך סוחרים אין בוידען, פּריצים אין קאַרעטעס, אָבער וואָס פֿאַר אַ טעם האָט דאָס פֿאָהרן זייערס אַקעגן דעם צופוס־גיין פֿון אַ ישיבה־בחור ווי איך, וואָס רייסט זיך אַרויס פֿון שימעל, אַ דערשטיקעניש, אויף דער פֿרישער לופֿט, פֿון אַ פֿינסטערער מרה־שחורה דאָרט אויף דער פֿרייער ליכטיגער וועלט; וואָס ווערט עפּיס ווי פֿון טויט לעבעדיק? אַרויסגעגאַנגען בין איך גאַנץ פֿריה, געגאַנגען מיט זייטנוועגלעך צווישן ווייץ און קאָרן דעם גאַנצן טאָג, אונטערשפּרינגענדיק פֿאַר פֿרייד, איך אונטערזעצנדיק זיך אַמאָל, און געקומען אַ היים בין איך מנחה־צײַט, ווײַ בהמות קומען צוריק פֿונ'ם פֿעלד.

מײַן קעלבל זעה איך, איז הע־הע, אָהן עין־הרע, אַ קאַלב. עפּיס אַ גאַנצע יפהפיה! צוויי ביקלעך קאַוואַלירען פֿיהרען זי אָב אַ היים אַזש ביז צום פּליט פֿונ'ם גאָרטען הינטער דער שטוב, שרכ'נען זיך, אונטערלעקען זיך צו איהר, אַרויסווײַזענדיק דרינען גרויסע בריה'שקייט, און היינגען זיך פּשוט אויף איהר. זאָג בעט מחילה די פֿיינע חתנים, פֿאַרטרײַב זיי מיט אַ שטעקן און גיב מיך אַ שטעל דער כלה מײַנער גלײַך איהר אַקעגן פּנים.

— שלום־עליכם, קעלבל — מאַך איך און וויל עס אַ גלעט טאָן.

עס בויגט־אָן דעם קאָפּ, נישט אָנצוקוקען מיך, אויסשטעלענדיק מיר אַ פּאָר קליינע שפּיציגע הערנער, ווי גערעדט: אָהן הענד! וואָס פֿאַר אַ מחותן מיט מיר, מיך צו גלעטען, ביסט־דו, פֿעטער? —

עס פֿערדריסט מיך טאַקי אַביסעל, נאָר, נישקשה, טראַכט איך מיר, מען בעדאַרף זיך פּרובען נאָך אַמאָל.

— מאַין־מאַין־מאַין! זאָג איך, האַלטענדיק דער יפהפית פֿאַר דער נאָז, אַביסעל פֿונדערווײַטענס, אַ הויפֿען גראָז — נאַ, הייסט עס, אַ מתנה פֿון מיר! זי שמעקט, סמאָרעט מיט דער נאָז, אָנקוקענדיק מיך פֿערפֿערוואונדערט, גלײַך ווי געזאָגט: עפּיס קענטליך! דאַכט זיך דער, און פֿאָרט נישט דער.

— האַ, נישט דערקענט? אײַ־אײַ! שמייכעל איך אַביסעל מיט תרעומות, מיט גאַל, הייסט עס.

און קוקענדיק אַ ווײַלע אַזוי אויפֿ'ן קעלבל, ווי שען, געזונד, בעלייבט, ווי לעבעדיק־פֿריש עס זעהט אויס; פֿערגלײַכענדיק איהם אַקעגן דאָס דאַרע־קוואַרע לײַב מײַנס, דאָס בלײַך אויסגעווייקט פּנים'ל מיט דער גאַנצער ישיבה־בחור'שער געשטאַלט מײַנער, משטײַנס־געזאָגט, חאַפּט זיך מיר נישטוויליענדיק אַרויס אַ זיפֿץ טיעף פֿונ'ם האַרצען. דאָס איז געווען אַ זיפֿץ אויף מײַן פֿערוויסטע יוגענד, אַ הספד אויף מײַנע פֿאַר דער צײַט אָבגעשניטענע יאָהרען; דאָס איז געווען אַ ביטערע פֿראַגע: רבונו־של־עולם, איז דען טאַקי דאָס דײַן ווילען, אַז מען זאָל אַ מענשען נאָך קינדווײַז פֿערשפּאַרען ווי אַ גאַנז אין שטייג, נישט אָנצוקוקען דײַן וועלט, אָנשטאָפּען איהם אַ מוח ווי מיר, און מאַכען אויס איהם אַזעלכען, אַ שטייגער, ווי איך? —

דאָס קעלבל, דערקענענדיק מיך, אַ פּנים, אין דעם קול, ווערט מיט מיר היימישער, שטרעקט פֿרײַנדליך אויס צו מיר דעם האַלז צום קראַצען, ווי דער שטייגער זײַנער איז געווען פֿריהער. עס שטעהט אַזוי עפּיס ווי געריהרט, קוקט מיט האַלב פֿערמאַכטע אויגען, אונטערמריקענדיק צו מיר שטיל פֿון דער ברוסט: המ־מ־ם! ס'איז דרינען געלעגען אַזוינס, וואָס גאָר נישט פֿאַר דעם מענשענס לשון. איך האָב עס אָבער גוט געפֿיהלט. עס האָט אויסגעדריקט אַ געבעט: קראַץ מיך, קראַץ מיך, דען דײַנער אַ קראַץ איז מיר בעסער ווי דאָס גרין־גראָז. אויך האָט עס אויסגעדריקט אַ פֿראַגע: וואו ביסט־דו דאָס פּלוצלים אַהינגעקומען? וואו האָסט־דו ביז אַהער זיך געפּיטערט און צווישען וועלכע בהמות דאָרט? און צוגלײַך טאַקי אַ בעדויערן: המ־מ־ם, וואָס פֿאַר אַ פּנים, נעבעך, דו האָסט!

די מאַמע מײַנע האָט פֿון מײַן פּנים דוקאָ גאָר אָנגעקוואָלען, אדרבה, זעהר שען. עס האָט איהר בעשיינפּערליך בעוויזען, אַז איך בעגעהר לערנען, האָב אַ פּנים פֿון אַ גוט קינד, גאַנץ יודישליך, אַ בלייכס, · אידישליך און עס וועט, אם־ירצה־השם, שטאַרק טויגען

צו א שירוך. און ווי עס האָט אויסגעזעהען, האָבען זיך געשדכנ'ט צו מיר א פּאָר מחותנים, זיי האָבען זיך עפּיס אַלץ געשושקעט מיט דער מאַמע, ווינקענדיג אויף מיר מיט א שיינענדיג מינעלע און א קנייטשעלע, ווי ביים קויפען א שטיקעל סחורה. דער קרעמער אַלץ: פּיששׁ! און די קונים — בע!

פאַר מיר איז דאָס געווען, עס פערשטעהט זיך, א סוד. עפּיס א קעלביל איז דען א בחור'ל, צו וויסען פון אַזעלכע זאַכען? — עס האָלט געווען באמת נאָר א פּלא, אַז איך מיט דעם קעלביל ביידע ווילען מיר אין איין צייט זיך פערקנס'ען! נאָר, א פּנים, מיר איז נישט בעשעהרט געוועזען און פונים גאַנצען עסק האָט זיך אויסגעלאָזט א טייך.

דער יצר-הרע אָבער שלאָפט נישט, איז ווי פריהער צוגעשטאַנען צו מיר, נישט אַנדערש, איך זאָל מיך מטריח זיין צו איהר — איהר פערשטעהט, אויף דעם פרייען פעלד דאָרט צו איהר, צו דער נאַטור היישט עס, אונטער א אויסרעד, צוליעב דיין געזונד טאַקי, פון דיין טובה און דיין הנאה ווענען, נאַרעלע. גע'פּועל'ט בּיי מיר דאָס, ניט ער מיר א טאַפּ, כלומר'שט גלאַט אַזוי זיך, הינטען-אַרום, מכּות מיין חכמה, מיין געלערענטקייט, מיין בעשעפטיגונג און דעם תּכלית מיינעם פון די אַלע זאַכען, און בּיי איטליכען כאַפּ פערקרימט ער זיך מיט א שטעכענדיג געלעכטעריל, עפּיס ווי איך בּין א פּרא-אָדם, א ווילדע בריאה, נישט פון דעם עולם, משטיינס-געזאָגט. קורץ, עס קומט דערצו, אַזוי ווייט, אַז ער צוטרענצעלט מיר די ישיבה, דאָס, יענס, האַק און פּאַק — אַזוי און אַזוי: דו בּיסט א... בּהמה! מיינסט-דו אפשר? חלילה. א בהמה איז זיך א בהמה, ווי גאָט האָט זי בעשאַפען, לעבט נאָך זיינע נעבאָט, אָהן שפּיצלעך, אָהן דרעהדלעך. א מענש, א נאַר אָבער וואַלט זיך אוים זאַכען אַזעלכע, כדי צו זיין נישט אַזוי ווי גאָט האָט איהם בעשאַפען. דאָס לעבען זיינס פיהרט זיך נאָך זיין איי-ענע אויפטהוּעכטסען, פון איהם גע מאַכ טע, אָנגעמאַכטע זאַכענישען.

— א נאַרישער מענש, אָט וואָס דו בּיסט, תּכשיט מיינער!...

נאָר, עט, דברים בטלים! די נויט ברעכט אייזען, א אייזערנעם יצר-הרע אויך אפילו. בּלייבען בּיי דער אָרימער מאַמע, א חיסטע אלמנה מיט יתומים, איז געוועזען ריין אונמעגליך. איך געזעגען זיך מיט מיינע אַלע ליעבסטע, זאָג א זיי-געזונד די שענע פעלדער, די גרינע וועלדער, וואו איך האָב געשפּאַצירט, און לאָז מיך אַוועק צופוס וויטער אַהין, אין דער ישיבה.

א ביטער יאָהר, נישט פאַר יודישע קינדער געדאַכט, האָב איך געהאַט דאָס מאָל אין דער ישיבה, פיעל ערגער נאָך ווי פריהער. א יאָהר אָהן „טעג" — עס האָט מיר געפעהלט טעג צום עסען, און איך האָב געליטען הונגער. צרת רבים, זאָגען די חכמים, חצי נחמה. אויף יודיש הייסט עס: די צרה פון כל-ישראל איז א האַלבע טרייסט פאַר רב-ישראל. נו, הייסט עס, א פּנים, א גליק פאַר מיר, וואָס פיעל אַנדערע פון די אָרעמע בחורים האָבען אויך געדאַרבט, געהונגערט — איז עס פאַר מיר געווען חאָטש א האַלבע טרייסט. גע'פּטר'ט, הייסט עס, א האַלבע צרה, מיט דער אַנדערער העלפט איז שוין עט, נישט אַזוי קיין סכנות. אַזוי, דאַכט זיך, האָט עס בעדאַרפט זיין, אי על פּי די חכמים אי על פּי דרך הטבע. וואָס-זשע לאָזט זיך אויס? בּוידעם! אדרבה, לאַ-די וואָס מיר איז שטאַרק שווער געווען איבערצוטראָגען די האַלבע צרה מיינע, אַלץ געמורמעלט: געוואַלד, רבונו-של-עולם, עסען! האָט מיך נאָך געקריינקט די ביטערע נויט פון מיינע עלענדע חברים. איך בּין זיך מודה, עס האָט מיך דענסטמאָל זעהר פערדראָסען אויף דער ישיבה און אויף דעם גאַנצען משא-ומתן דאָרט. צו-וואָס? נאָר דאָס איז געווען אַי אָנהויב, שפּעטער אָבער, אַז איך בּין מיט די צרות שוין געוועהנט געוואָרען, האָט מיר די אַכילה שוין נישט אַזוי אויסגעמאַכט. עס האָט מיר אויך קנאַפּ וואָס געאַרט צעריסענע שיך, הוילע פּיאַטעס, א קאַפּאָטע א שמאַטע מיט אויסגעריבענע עלענבויגענס. פאַרקעהרט, אינאיינעם מיט די חברים פלעגען מיר פון אַזעלכע קליינינקייטען אַמאָל גאָר חוזק מאַכען. אָבזאָגען דערויף גלייכווערטלעך. ערשט שפּעטער איז מיר קלאָר געוואָרען, וואָס שטעקט אַזוינס אין דער ישיבה און די גרויסע מעלה איהרע. אָט וואָס: די קבּצנים איהרע, וואָס זי לאָזט אַרויס, זענען פרעהליכע קבּצנים; איהרע מלמדים, מקבלים, בּטלנים זענען מוחל די עולם-הזה, הערען זי אין דער פּיאַטע. און פאַר יודישע קינדער אין גלות איז דאָך בּעשיינפערליך טאַקי אַנרוים גליק!...

„מזל-טוב דיר, זוהנעניו — שרייבּט מיר די מאַמע נאָך א לאַנגע צייט שטילשווייגען — מזל-טוב אויך מיר מיט מיין בּהמה!... פערשטעהסט דאָך מסתּמא, וואָס מען מיינט בּהמה? עס האָט זיך געקעלבּט דיין קעלבּיל, איז געוואָרען, אויף קעז און אויף פּוטער, א בּהמה! ס'איז שוין נימער ערגער. אין שטוב איז דאָ מילכיגס, א ביסעל צום פערקויפען און פאַר זיך אויך אַביסעל. ווי דערלעב איך שוין אויך פון דיר אין-גיכען נחת, הלואי אָמן, רבונו-של-עולם! ווער א גוטע בּהמה. נאָר

װאָס דען? איך האָב פֿון איהר צרות. זי לאָזט זיך נישט מעלקין.
װאַרפֿט זיך, שרייט, פּיינקט, גערט פשוט אוים נאָכ'ן קעלביל. האָסט-
דו געהערט, אַ בהמה זאָל נישט קענען פֿערגעסען דאָם קעלביל! עפּים
טאַקי נאָר ווי אַ מאַמע אַ קינד, להבדיל. משוגע איז זי טאַקי נאָך
קעלבילוויז געווען, געטוּיגט האָסט-דו איינער טאַקי צו איהר. גוט אוים-
געלערענט האָסט-דו זי. האָסט געמעגט וועניגער לערנען זי און לערנען
בעסער אַליין. לערען, זוהנעניו, לערען, וועט אוים דיר, אם-ירצה-
השם, ווערען אַ לייט. אַז מען רייבט זיך, איז דאָ אַ ווערטעל, רייבט
מען זיך אוים. יאָ, מען קען אַנדערש ניט זאָגען. אַ קעלבעלע איז
דאָם געווען זעהר אַ געראָטענס, טאַקי גאָר אַנטיק. דער קצב האָט מיר
דערפֿאַר געגעבען אַ גוטען מקח, אויך דאָם לונג-און-לעבעריל. פֿונים
געלד שיק איך דיר דאָ דורך חיה-הינדען אויך אַ פּאָר גילדען און
דעם קעלבילם אַ שטיקעל געבראָטען לעבעריל. נאַ, וויים, האָב
אויך הנאה חאָטשע פֿאַר דיין מיה אַ מאָל מיט דיין קעלביל!
איהר ביידע זייט דאָך ווי אַנדערע צוויי. ווייטער שרייב איך
דיר, אַז ..."

נאָר גענוג! וואָס ווייטער זי שרייבט האָב איך שוין נישט געליי-
ענט. עס ווערט מיר פֿינסטער אין די אויגען, פֿאַרדרעהט זיך מיר דער
קאָפּ, פֿע, נישט גוט, אַזוי אַז מען האָט געמוזט אָבגיסען מיך מיט
אַ גאַנצען איימער וואַסער. מיינע חברים שטעהען צו מיר צו, פֿרעגען:
וואָס איז פֿאָרט די מעשה? איז עמיצער פֿון די היימישע חס-ושלום
קראַנק, אָדער, די שעה זאָל נישט זיין, אפֿשר גאָר געשטאָרבען? און
איך שווייג, האַלטענדיג זיך ביים האַרצען. גערה דערצעהל, נאָר אויף
לייטישע געלעכטער, יענעם אַ מעשה מיט אַ קעלביל! אַז דאָס איז מיר
נישט גוט פֿאַר רחמנות אויף אַ בהמה, מיט וועלכער מיר איז בע-
שעהרט געווען, צום ערשטען מאָל אין אונזערע ביידענס יונגע יאָהרען,
אָנצוקוקען גאָטס וועלט מיט איהרע פֿעלדער די שענע און צוברענגען
דאָרט ביידע אַ שטיק צייט, די טייערסטע אין לעבען; אַז דאָס טריפֿט
מיר דאָס בלוט פֿאַר רחמנות אויף אַ בהמה, אַ מאַמע, אַ ערשטלינג,
וואָס ביינקט נאָך איהר קינד, נאָך איהר געקוילעט קינד,
נעבעך! ...

אַ יודיש קינד איבערהויפּט, וואָס איננאַנצען איז עס אַ רוחניוּת, עס
וואַרפֿען זיך איהם תמיד די אָדערלעך, איהם איז דאָך גענוג אַבי עפּים
אַ בלאָז, עפּים אַ רירה, אַז ער זאָל זיך צושאָקלען און עס זאָל זיך איהם

צושפּילען די פֿאַנטאַזיע גאָר אַ שרעק, אַ פשיטא-שוין ווי איך אַ גמרא-
יונגעל, אַ אָרעם ישיבה-בחוריל אָהן "טעג", אָהן לייב, אָהן געזונד, נאָר
וואָס דאָם קעפּעלע אין איהם; וואָס שטענדיג האַלט עס אין איין פֿליהע-
ניש, אין איין טראַכטעניש, צאַפּלעניש. גענוג איבערגענוג איז פֿאַר מיר
געווען דער מאַמעם עטליכע ווערטער, אַז איך זאָל ווערען צוקאָכט,
צורייצט; אַז די פֿאַנטאַזיע זאָל אַרבייטען מעשים, מיך נישט לאָזען
רוהען די נעכט. קוים וואָס זיך געלעגט — אַהאַ, ברוך-הבא! הויבט זיך
אָן די שפּיעל. עס טרעט אַרוים אויף דער סצענע דאָם אַלטע קעלביל,
שוין אַ מאַמע, מיט דעם קינד — אַ קעלבעלע אַ בריליאַנט. עס טשיַפּעט
זיך דאָם קעלבעלע, זויגט די ברוסט, אונטערשלאָגענדיג צו-ווילען די
אייטער, דרעהענדיג דערביי מיט דעם ווידעלע. די מאַמע איז גאָר איבער-
גליקליך. ס'איז איהר דאָם צודערקענען אין דעם גאַנצען בענעהמען איהרם,
ווי זי בויגט אוים דעם קאָפּ צום קינד, לעקט עס, לעקט, שטיל אונטער-
מריקענדיג פֿאַר גרוים ליעבשאַפֿט. איך קוק פֿערגאַפֿט אויף דער מאַמע,
זי אויך אויף מיר, און ביידע פֿאַרשטעהען מיר זיך, וואָס אַזוינס אין דעם
קוקען אונזערס ליגט. עס פֿינקעלט, שימערט אַרום-און-אַרום, אַ ליעבליכע
וואַרמע צוגיסט זיך אין די אַלע גלידער און אויפ'ן האַרצען פֿיהלט זיך
עפּים אַזוי גרינג, אַזוי גוט ... באַלד טאַקי טהוט זיך עפּים אַ דרעה. עס
טונקעלט אין די אויגען, אוים געשטאַלטען, אוים קאָלירען, אוים אַלכדינג—
גאָרנישט! ...

קיהל. אינווייניג אין מיר איז עפּים אַ מרידה — אַי, עסען! עס
דאַכט זיך מילך, אַ טעפּעל סמעטענע, קעז און אַ ריפּטעלע ברויט מיט
פּוטער. עס דאַכט זיך אויך געבראָטענס. פֿלייש אַ שטיקעל, איינגע-
פּרעגעלט מיט שמאַלץ און ציבעלעס, מחיה. איך חלש, האַלט עס
נישט אוים, אוי, געבראָטענס! איך וואַרף מיך, קעהר מיך אום אויף
דער אַנדער זייט, קלינג-קלענג ווי מיט אַ גלעקעלע אין די אויערען —
הע-הע, ווידער די שפּיעל! אַ סצענע אַ טרויערדיגע. עס רייסט זיך
דאָם יונגע קעלבעלע, רייסט זיך דעם קצב פֿון די הענד אַרוים, עס
לויפֿט מיט אַ ביטער געשריי און דער קצב נאָך איהם. פֿיהלענדיג זיין
מלאך-המות און שטאַרק ווילענדיג לעבען, לויפֿט עס אויסער זיך,
נעבעך, פֿאַר שרעק, בעהאַלט זיך עמיצען דאָרט צווישען די פֿאָלעס,
קייכט, מעקעט, ווי עס בעט רחמים: ראַטעוועט! יענער אָבער טהוט
עס אַ שטופּ, מאַכענדיג: "גערה! דערויף ביסט-דו דאָך געבוירען
געוואָרען". — "אום-ברחמנות! לאָזט זיך פֿערנעהמען אַ פֿערדומפּען קול

די פון אונטער דעם פארהאנג — פאר אזא ענטפער בין איך פונ׳ם אויבערשטען מיט א לאנגער שווערער קריינק בעשטראפט געווארען. ורחמיו על כל מעשיו, נאט ברוך־הוא האט רחמנות אויף אלע זיינע בעשעפעניש״. דאס קול איז טאקי א קול, עס רופט, רופט — און קיינער אבער מאכט זיך דערווס נישט. דער קצב חאפט דאס שוואך קעלבעלע, בינדט עס אויף אלע פיער, עס צאפעלט, שרייט מע־מע — מאמע הייסט עס, נאר אומזיסט! די כאמע איז אויפ׳ן פעלד, הערט נישט דאס ביטער געשריי פון איהר ליעב קינד. הערט נישט דעם קינדס געזעגענען זיך מיט איהר פאר׳ן טויט! דער ק.־ב טהוט עס אווארף אויף דער ערד, קוועטשט עס גוט צו מיט דער קניע, שטרעקט איהם אויס דאס העלזעלע, דאס שוחטיל — פליק־פליק, ברוך אתה... און היק! —

רויט־בלוי, א פערבלענדזעניש, אויסמישעניש ארום־און־ארום. איך טאפ מיך, וויש מיך — דאכט זיך בלוט. שפריצלעך בלוט — —

עס בעשלאגט מיך א שוויס!...

און זינט דענסטמאל ווערט מיין קערפער א צושטערטע, צובראכענע כלי. אלסדינג אין איהם טהוט זיך נישט ווי געהעריג, צווישען ווירקליכקייט און חלומות נישטא קיין אונטערשיעד ס׳איז א דרעהעניש, א פלאנטעניש, קידער־ווידער. מיין דעה איז גארנישט, אוים בעל־הבית, הפקר א וועלט! עפים דאכט זיך, אויף דער גאז א לונג־און־לעבער, פונ׳ם געקוילעטען קעלביל דאס געבראטענע לעבעריל. עס פאטשט מיך, שטעכט מיך ווי מיט שפילקעס. עפים ברענט, בריהט מיך אין קעשעניע — און עס שפרינגען פון דארט ארוים צוויי וויס׳ע גילדען. עס קוקען ארוים, דאכט זיך, פון זיי א פאר רויטע, מיט בלוט פערלאפענע אויגען — אוי, אויגען דער מאמעס, מיין קעלבילס אויגען! איטליכער בליק איהרער איז מיר א פייל אין הארצען. עס רוישט, קלינגט מיר אין די אויערען, אויף א טרויעריג קול, א הארבער מוסר

— תכשיט! אט ביסט־דו, אט איז דיין קעלביל. צוויי בעשעפעניש ארוים אויף נאטס וועלט צו לעבען. דאס קעלביל וואקסט ווי געהעריג, ווערט א בהמה, לעבט געזונד אי פאר זיך אי פאר דיין היימישען עולם. קארג פאר איהם איהר מילך — מען מעלקט זי, ציהט זי, האט פון איהר א נוצען, נעהמט נאך ביי איהר צו א שטיק פונ׳ם לעבען, מען

פערקויפט צו דער שחיטה איהר קינד. דו הערסט? היינט זאג נאר רק, ווי אזוי וואקסט דו? — דו לעבסט? אז אך־און־וועה צו אזא לעבען — אין נויט, אין שמאך, אין בעטלען! קוק אן דיין געשטאלט, משטיינס־געזאגט, און די געשטאלט פון יענע, דיין גלייכען, פערפינסטערט זיינע איהר געווארען! — דו נוצסט? הא, מיט וואס? דאס בעבען דיינס — צו־וואס? איינגאנצען טויג עס אויף וואס? צאפעס, קיין מאל, קיין מילך פון איך! לעבסט נישט פאר זיך, ועצסט־דו זיך נאך אן אויף יענעמס לעבען. די צוויי גילדען, תכשיט, פון־וואנען? דאס איז פונ׳ם געלד פאר דיין בהמה׳ס בידנע קעלביל! — דו זעהסט?...

דאס פאר פערזאטענע אויגען קוקען אויף מיר מיט פערדראס, עס שטעכט מיך ביז אין דער זיבעטער ריפ. עס וואַרפען זיך אין מיר אלע מיינע גלידער. עס זידט, קאכט, רוישט ארום מיר, עפים א גאנצע איבערקעהרעניש. אוים איך! וואס איך? ווען איך? וואו איך? — עס מעקעט, מוקעט. עס שפרינגט א נאקעט אבגעשונדען קעלביל, ביים מויל נאר א סימן פעלכיל ווי וואנסעם. עס שוועבען א פאר רויטע, פערוויינטע אויגען, עס דרעהען זיך ארום, מיני בעשעפענישען, בחורים־בטלנים, מיני געשטאלטען, פארזעהענישען. עס פייפען נעזער, האַרחלען העלזער, עס חראפעט, קייכט, הוסט א שרעק!

אי דער קאפ, עס שפאלט זיך מיר דער קאפ!

אין דעם טאג, וואס מען האט מיך בעדארפט אבפירען אין בקור־חולים, איז אנגעקומען פון דער היים א מוסר און א קלאג:

זעה, זוהנעניו, זיי א מענש! נאר אויף דער ישיבה אליין, אויף דעם לערנען דיינעם דארט האסט־דו אצונד צורופען, וויטער נישט אויף קיינעם. וויסט איז דער מאמען, זיך אויסגעלאזט, סאנצעלאמעם, די אלע פרנסות. דאס איינציגע אנהאלטעניש אויף פערזינדיגט —

גע׳פגר׳ט די בהמה!

דאָס קעלבעל

א.

ווינטער אַמאָל, גאַנץ פריה, אַז איך בין געלעגען איינגע-נורעט אונטער דער קאָלדרע, פערשלאָפען, נאָך ניט בדעה האָבענדיג אופשטעהן, געהן אין חדר, דערפיהל איך, ווי מע וועקט מיך, טאָרעט מיך אין איין געשריי:

— גיכער שטעה אויף, גיכער, גיכער!

איך טוה מיך ניט טויט, ניט לעבעדיג אַ כאַפּ אויף און דערזעה פאַר מיר מיין שוועסטער, אַ מיידעל פון אַ יאָהר צוועלף. דאָס פּנימ׳ל שיינט איהר, די אויגעלעך פינקלען עפּעס מיט אַ גלאַנץ גאָר משונה, דאָס מיילכ׳ל האַלב אָפען, אויף די לי-פּעלעך עפּעס אַ פאַרגליווערט מין שמייכעלע. זי וויל עפּעס זאָגען און קאָן ניט, אַזוי פערנעמט איהר דער אָטעם, נאָר וואָס זי שטרעקט אויס, וואַרגענדיג זיך, דאַס הענטעל, טייטענדיג אויף עפּעס דאָרט אין דער מיט שטוב:

— אָ—אָ!

איך גיב אַ קוק — אוי, גוואַלט, אַ קעלבעל!

און אַזוי ווי איך בין, באָרוויס, נאַקעט, אין איין העמדעל, האַלטענדיג איין האַנד אויפ׳ן קאָפּ, קיין צייט ניט האָבענדיג

אויסזוכען און אָנטאָהן דאָס יאַרמולקעלע, טהו איך אַ שפּרונג אַראָב פונ׳ם געלעגער געשווינד צו איהם. די פרייד מיט מיר איז געווען אַזוי גרויס, גלייך ווי די וועלט איז מיינע, גלייך ווי אַלצדינג אין איהר פיהלט מיין שמחה. עפּעס לייכט די זון גאָר אַנדערש, עפּעס איז דער פריהמאָרגען מילדער, פריינטליכער ווי תמיד, עפּעס פיהלט זיך אומעדום אין דער לופט יום-טוב׳דיגעס, פול און פול מיט קעלבעל.

אַלצדינג שמייכעלט, זאָגט :

גוט יום-טוב, מזל טוב דיר מיט׳ן קעלבעל !...

איך זעץ מיך אויף די קניעלעך, אַ ביסעל פונדערווייטענס און בעטראַכט מיר דאָס קעלבעל. אַ שיינס, אַ רויטס מראה געלעכן, אויפ׳ן שטערען אַ ווייסער פלעק, ווי אַ זילבערנע קאָקאַרדע, גאָר אַ גאָט׳ס וואונדער !

וואָס ווייטער, ווייטער גיב איך מיך אַרוק אונטער, בעקענענדיג זיך מיט אים נענטער; וואָס ווייטער, ווייטער גיב איך עס אַ גלעט, דאַ אַ טאַפּ, דאָרט מיט אַ פינגער, אַריינקוקענדיג אים בשעת מעשה אין די אויגען, ביז איך ווער דערמיט שוין אַ נאָהענטער שמעלקע און לאָז איהם אַראָב אַ גראָבען „שלום עליכם", אַזוי טאַקע מיט דער גאַנצער האַנד, מיט אַלע פינף פינגער.

דאָס קעלבעל האָט, אַפּנים, נאָך ניט געוואוסט דעם טייטש פונם „שלום עליכם", מיט וואָס מען עסט עס, ווארום עס האָט זיך עפּעס געפיהלט ווי באַליידיגט, און צוזויפּנעמענדיג זיך מיט אַלע קרעפטען, געפּרואווט אויפשטעהן. פריהער האָט עס אָנגעהויבען הינטען אַרום, פאַמעליכען, פאַמעליכען, זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיסלעך, בלייבענדיג אָנגעשפּאַרט אויף די קני פון די פאָדערשטע, וואָס נאָך פערלעגט אונטער זיך. שפּעטער אַביסעל האָט זיך עס שוין געשטעלט אויף אַלע פירפיס, וואָס האָבען זיך געשאָקעלט ווי פיסלעך פון אַ צעשאָטענעם טיש. אַזוי איז עס, שאָקלענדיג זיך אומגעלומפּערט, אויסשטעלענדיג אַ פּאָר קעלבערנע אויגען, אַ היפּשע ווײַלע געשטאַנען — און פלוצים פאַררייסט עס דעם ווידעל און גאַלאָפּ, גאַלאָפּ איבער דער שטוב.

עס ווערט אַ רעש, אַ געפּילדער. עס פאַלט אום די מילכיגע

באַנק מיט׳ן צעבראָכען פיסל, עס דערשרעקען זיך די הינער, פליען משוגע׳נערווייז איבער טיש און בענק, צעברעכען אַ גלעזעלע, קערען איבער עפּעס אַ שיסעל. די מאַמע ביי דער קימפּעטאָרין, ביי דער בהמה הייסט עס, דאָרט אין הויז, דערהערט דעם טאַראַראַם, דעם האַרמידער, לויפט אין איין אָטעם אַריין אין שטוב שטאַרק אויפגעבראַכט און לאָזט אויס איהר צאָרן צו מיין קאָפּ.

אוי, אַ טאָג האָב איך עס געהאַט דעמאָלט, אַ טאָג פון פעטש און קלעפּ אין דערהיים, אין חדר, געלייזט גענוג !

אַוועקגעגאַנגען פון דערהיים אין חדר בין איך מיט אַ קאָפּ פול מיט קעלבעל. וועמען איך האָב באַגעגענט אויפ׳ן וועג, האָב איך אָנגעזאָגט די בשורה : אונזער קוה האָט געהאַט אַ קעלבעל ! פאַר איטלעכען פון מיינע בעקאַנטע יונגלעך האָב איך אָבגעלויבט אין טאָג אַריין דאָס קעלבעל, אונטערשמייכלענדיג דערביי פאַר גרויס הנאה, ווי אַ בעל-שמחה. געמיינט דערמיט — הע-הע ! לאָזען זיי מיר מקנא זיין ! וועמען מיר האָט געטויגט, האָב איך צוגעזאָגט ווייזען אים דאָס קעלבעל, אינאיינעם מיט מיר זיך דערמיט אַ ביסעל אָנשפּילען. ביי איינעם אַפילו האָב איך גענומען פאָראויס אַ פּאָר יונ׳ישע מעשענע קנעפּ מיט אָדלערס און אַ יעריכען-בייטעלע שווערענדיג איהם „ווי איך בין אַ יודי" !, אַז דער כיבוד פאָרען רייטענדיג צום ערשטען אויפ׳ן קעלבעל געהער איהם.

עס פערשטעהט זיך, אַז פאַר גרויס שמחה און אַזוי פיעל געשעפטען האָב איך פערשפּעטיגט קומען אין חדר און געכאַפּט אַ מיאוסען פּסק.

נאָר פעטש זיינען פעטש, און קעלבעל איז קעלבעל, די גמרא ליגט פאַר מיר אָפען, און עס קוקט אַרויס פון דאָרט, עס דרעהט זיך מיר פאַר די אויגען — קעלבעל. עס קריכט, קריכט מיר און קאָפּ אַ מאָרדעטשקע, אַ שעהנס, אַ געטאָקטס, אויערלעך קליי-ניטשקע, אויפגעשטעלטע, אַ קעפּעלע, אַ העלזועלע. דער רבי קנעלט, מריקעט מיט אַ גמרא-ניגון, און מיר אין די אויערען מעקעט די קוה נאָכ׳ן קעלבעל. דער רבי טהוט זיך אַ הויב פונ׳ם בענקעל— דאָס קעלבעל אַ הויב אויף די פיסלעך ; דער רבי שטרעקט אויס די האַנד — דעם קעלבעל פאַררייסט זיך דאָס עקעל : האָץ-האָץ

האָק — און עס פליהט אַ פּאַטש! דער רבי איז בייז, פרעגט ווי איך האַלט. איך האַלט מיך ביי דער באַק.

קומענדיג אַהיים, איז די ערשטע זאַך מיינע געווען — קעלבעל. שטיל, אויף די שפּיץ פינגער האָב איך בשתיקה מיך צוגע׳גנב׳עט צום קעלבעל. די מאַמע האָט עס פערשטופּט אין אַ ווינקעלע פאַר אַ גוט אויג, מען זאָל עס קיין עין-הרע ניט געבען. אָנגעהויבען האָט זיך ביי מיר, ווי דער שטייגער איז, פריהער אַ קוק, אַ זעסען פּאַר ליעבשאַפט מיט די אויגען. אין אַ ווײַלע אַרום שוין אַ גלעט, אַ טאַפּ, דערנאָך אַ האַלזען, אַ ארומנעהמען, גאָר נפש אחת. און לסוף שוין גראָבלעך, מחילה, אַ קוועטש, און מיין קעלבעל טהוט אַ שפּרונג אַהין-אַהער איבער דער שטוב, ווערט עס אַן איבערקערעניש, סדום-ועמורה, און עס רעגענט אויף מיר פּעך און שוועבעל, פּײַערדיגע פּעטש הייסט עס, גאָר אַ שרעק!

די ליעבע צום קעלבעל איז ביי מיר געוואַקסען מיט יעדען טאָג און צוגלייך מיט איהר די יסורים, הצרצוויטאָג מיינער, וואָס זי האָט מיר אָנגעמאַכט. מיין קינדעריש הערצעל איז פאַרלאָפען מיט בלוט, האָט נישט געקאָנט רוהיק אַן פאַרדראָס האָרכען דעם שמועס איבער דעם קעלבעל, ווי מע וויל עס, נעבעך, קוילען, ווי מע דינגט זיך מיט דעם קצב. עס שטעהט זיך, קוקט, קוקט אַזוי גוט, היימיש, לעקט דער מאַמעס האַנד אַזוי ליעבלעך-פריינדלעך, און דא שאַצט מען אָב דעם ווערט פון זיין לעקער, פון זיין צינגעל! ס׳איז עפּעס טאַקע אַ גוואַלט, אַ רציחה!

עס האָט מיר וועה געטאָהן דאָס האַרץ אויפ׳ן קעלבעל: גוואַלט, אַ רחמנות! עס האָט מיך פערדראָסען, געברענט, געבראָטען: גוואַלט, וואָס וויל מען האָבען, נעבעך, פון זיין לעבען!

איך בין אַרומגעגאַנגען צעקאָכט, ווינד-און-ווײ איז מיר געווען פון ביידע זייטען: האָב מיך געשעמט קוקען דעם קעלבעל און דער מאַמע, להבדיל, אין די אויגען...

ווער ווייסט צו וואָס דאָס וואָלט געפיהרט, ווען עס זאָל זיך ניט געווען אונטערדרוקעז פּלוצים אַזוינס, אויף וואָס מע האָט זיך בלל גיט געריכט.

ב

ס׳איז אַ ווינטער-נאַכט. אַ פראָסט מיט אַ ווינד. אַ פראָסט אַ ברענענדיגער, אַ ווינד אַ שטורעמדיגער. עס בלאָזט, פייפט, ריפּ-סקריפּ, ווי אויף אַ חתונה פון טויזענדער רוחות; עס שפּרינגען, טאַנצען זיילען שנעע, דרעהענדיג זיך משוגע׳נערוויז איבער די גאַסען. עס קנאַקען, טראַסקען דעכער, עס היילט, ווייעט אין די קוימענס און עס זשומען, צימבלען שויבען אין די פענצטער.

אויף דער גאַס קיין לעבעדיג בעשעפעניש, ניט איין יודישע בהמה, אַלע ווי אויסגעראַמט. און וועלכע זיינען פערבליבען דאָ, ליגען בעגראָבען, אַז אָך-און-וויי צו זיי, טיעף איבער די אויערען אין שניי.

אונזער בהמה, עפּעס נאָך, משטיינס געזאָגט, אַ שטיקעל קימפּעטאָרין, האָט אונטערגענעכטיגט אין דעם פינסטערען הויז, אין נעץ און שמוץ, וואו עס בלאָזט פון אויבען, פון אונטען, פון אַלע זייטען, וואו ס׳איז אומצוקומען פאַר קעלט. און וואָס טהוט אַ בהמה? אַ בהמה מעלה-גרה׳ט, חזר׳ט, קייט איבער אַלץ פריהערדיגע, שוין האַלב פאַרדייעטע, פוילע נמאס-ומאוס געוואָרענע זאַכען, אַז נייע שפּייז פאַר זיך האָט זי דאָך מכות — און ביים איבערקייען קייכט זי, לאָזט זי שטילע זיפצען. די זיפצען צעגייען זיך ווייט אַרום און לאָזען זיך פיהלען אויך אין שטוב.

אויף מאָרגען גאַנץ פריה האָט מיך אויפגעוועקט פונ׳ם שלאָף אַ ביטער געשריי, אַ יאָמער, אַ קלאָג, ווי מע בעווײנט אַ טויטען.

דאָס ווײנט, שרייט די מאַמע·

וואָס איז?

געפּגר׳ט די בהמה!

דאָס הויז-געזינד איז פאַראומערט, אין שטוב הערשט אַ טרויער, אַפילו דער האָן שטעקט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, נישט אַרויסגעפּירט די הינער זיינע פון אונטער דעם אויווען, האָפּער-דיג, ווי תמיד. איינע פון די הינער מיט אַן איי פּאַדעט, קוואָקעט, זוכט אַן אָרט, וויל זיך לעגען, און נישטאָ ווער זאָל איבערדעקן זי מיט דער זיפּ ווי געוועהנליך. נאָך איינע פליט אַרויס פון אונטער דער בעט, הענדום-פּענדום אויף אַ בענקעל מיט אַ פאַרריסען קעפּעלע, זעהר שטאָלץ אין איין קול: מזל-טוב מיר מיט אַן איי, זיך שוין געלעגט אין אַ גוטער שעה! און דער שענער מאַן, דער האָן, זאָל זיך עס אויף מיר כאָטש אַרומקוקען, צוגעהען ווי דער שטייגער איז. קיינעם איז ניט אין קאָפּ. אַלע שטעהען פאַראומערט, ווייבער, שכנות אויך אין דערמיט. די מאַמע איז מספיד פאַר זיי די בהמה, דערצעהלט איהרע שבחים, איר קעז און פוטער, נאָך מעלות אַזעלכע, אַלדאָס גוטס, פון וועלכע איך האָב פריהער געאָרניט געוואוסט.

— הערט אַ מעשה — זאָגט זי מיט אַ וויינענדיגען ניגון — היינט גאַנץ פריה אָט די טיר אָט-אָ, פון דער שטוב אין דעם הויז, עפען איך. געה איך ווי אַ בעל-הבית'טע מעלקען פריה אַריין. דאָס מעלקשעפעל אין דער האַנד, שטרוי צום פרעסען האָט דער בעקאַנטער גוי נאָך נישט געבראַכט — פערגעסען. אַ פראָסט — אַ שרעק. צייט מעלקען. רוף איך: מאַין-מאַין-מאַין! זי רופט זיך נישט אָב. געה איך שוין צו נאָהענט, איך גיב אַ קוק — אוי, אַ דונער האָט מיך ניט דערשלאָגען, זי איז טויט! גאָר פלוצים, ערשט גאָכ'ן קעלבען זיך, פגר'ט עס אַ בהמה!"...

און אין דערמיט הספד, גליט אַריין פונ'ם אַלקערעל דאָס קעלבעל, האָק-האָק מיט אַ פעררריסען ווידעל, אַ פערוואָרפען קעפעל, „מע-מע" אין איין קול, דאָס האַרץ רייסט ביי איינעם אין שטוב, קוקענדיג אויף דער יתומה, נעביך. אַלע פערשטעהען דעם טייטש פון „מע", וואָס דאָס „מע" באַטייט. דאָס מעקעט, עס, נעבעך, נאָך דער ברוסט, עס וויל עסען. דאָס מעקעט עס, בעט זיך צו דער מאַמען, זי זאָל עס אויסצוואָגען, אָבלעקען מיט דער צונג. ווייבער, שכנות, ווישען די נעז, די אויגען, מאַכען

פיסקעלעך, און די ליפּעלעך זייערע רירען זיך, גרייט צום ריידען. איינע פון זיי, אַ וואוילקענענדיגע, וואָס שיט אין די רייד ווערטער פון די הייליגע חכמים, פערכאַפּט זיך פריער און צולאָזט זיך אין אַ ברייטען שמועס:

— דער, וואָס לעבט אייביג, וואָס איך בין ניט ווערט זיין נאָמען צו דערמאָנען, — הויבט זי אָן אויף תחינה-לשון, צונויפשנירענדיג די ליפּעלעך און קנייטשענדיג אַ פרום פּנים'ל — דער אַלמעכטיגער, ער איז גערעכט און זיין משפט איז גע-רעכט! לאָז זי, די בהמה, זיין אַ קרבן-עולה, מכפּר זיין, ריינינגען, אייך און כל ישראל פון אַלע אומריינינקייט און פון אַלע אומווירדיגקייט. מיין עצה-טובה וואָלט געווען — דאָס קעלבעל, די פרוכט פון איהר מוטער-לייב, זאָל בלייבען לעבען. זאָל עס ביי אייך זיך האָדעווען, און דער, וואָס שפּייזט פונ'ם קליין ווערעמעל ביז דעם וויזעלטיהר, וועט העלפען עס צו שפּייזען אַמאָל מיט שאָלעכץ פון קאַרטאָפעל, אַמאָל מיט אַ ביסעל קלייען. דאָס אַ ביסעל, יענץ אַ ביסעל. וואָס קאָן עס זיך אָנזעהן אין בעל-הבית'ישקייט אַ קעלבעל? איהר פערשטעהט, פון אַ קעלבעל וואַקסט אויס אַ בהמה, און אַ בהמה איז גוט, תמיד אָנגע-לעגט, ווער שמועסט ביי היינטיגע צייטען און בפרט נאָך ביי יודען. אך-אך-אך!

אַלע ווייבער באַסטעווען צו. די מאַמע לאָזט זיך איינ-ריידען.

דאָס קעלבעל בלייבט לעבען — און מיר פאַלט אַראָב אַ שטיין פונ'ם האַרצען.

די מעשה מיט דער בהמה, איהר אומגעוועהנליכער טויט האָט אָנגעמאַכט אַ רעש אין שטעדטעל. לייט זיינען געקומען אויף חידושים אָנקוקען דאָס קעלבעל.

ג

שטאַרק געבענקט די ערשטע צייט האָט דאָס קעלבעל, גע-צעך, נאָך דער ברוסט. מ׳האָט עס געשטילט אַמאָל מיט אַ לע-מעשקע פון קאָרענע קלייען, אַמאָל מיט ברויט אַ שטיקעל, — מיט אַ הויפען היי. ציינדעלעך האָט עס געהאַט אַכט פעדערשטע, שעהנע, ווייסע, נאָך ביים געבוירען ווערען. איך האָב זיי אַליין געצעהלט. עס האָט געגעסען און דאָך צו וויילען אונטערגעמריקעט עס האָט אַלץ געסמאָרעט מיט דער נאָז, געזוכט, געשמעקט, און וואָס נאָר אים איז צום מויל געקומען, א האַנטוך, אַ טיש-טוך, אַ זאָק, האָט עס געקייט. אַ היטעל, אַ יאַרמולקע — אויך סחורה. איינמאָל האָט עס שיער זיך נישט דערוואָרגען מיט אַ טשאָלענט-שמאַטע. אַ נס, וואָס מ׳האָט זיך בעצייטענס אַרומגעקוקט, ג׳יאָד בעדאַרפט גיכער פעררוקען דעם טשאָלענט. און אויב מ׳איז פון איהם דאָס אַלצדינג אויסגעשטאַנען, ניט זיינער פטור צו ווערען, איז דאָס נאָר געווען אינ׳ם זכות פון דער מאַמען זיינער, זאָל זיך דאָרט מיהצן.

איך איינער האָב עס אמת טאַקע ליעב געהאַט טיעף פונ׳ם האַרצען, עס שטאַרק בעדויערט; אַ רחמנות, ס׳איז נעבעך, עלענד, אַ יתום!... האָט מען עס אַ מאָל בעליידיגט מיט אַ קלאַפּ, מיט אַ זעץ, פלעג איך מיך אַרויסשטעלען, זיך אָננעמען קעלבעלס קריוודע און געכאַפּט דערפאַר דאָס מייניגע. אָט דאָס האָט מיך נאָך מער צוגעצויגען צום קעלבעל, דערפאַר וואָס מע איז ענט-נעגען אונז ביידע געווען גראָב אומגערעכט, וואָס מיר ביידע האָבען געליטען פון אַנדערע, שטאַרקערע פון אונז, גאָר אומ-זיסט.

און, אַפּנים, ביים קעלבעל בין איך אויך טאַקע געווען אַ שטיקעל חשוב. וואָרים עס פלעגט זיך לאָזען גלעטען פון מיר ביים

קעפּעל, אָננעהמען ביי די אויערלעך, קוקענדיג דערביי צו מיר מיט אַ פּאָר אומעטיגע אויגען, לעקענדיג מיך פריינד-לעך, גלייך ווי עס וואָלט זיך פאַר מיר עפּעס געקלאָגט, געוואָלט עפּעס אַזוינס זאָגען. איך, ווידער, האָב עס, דאַכט זיך, פערשטאַנען, בעפיהלט, וואָס אים אויף דער לונג, וואָס לעקט עס מיך מיט דער צונג.

עס האָט מיך געצויגען צום קעלבעל, און מיר זענען גע-וואָרן געטרייע חברים.

ד

ס׳איז נאָך פּסח. אויס בין-הזמנים. יונגלעך געהען אין חדר, קעלבלעך, בהמות אין דער טשערעדע. דער רבי מיט דעם קאַנטשיק, דער פּאַסטוך מיט דער בייטש. מלמדים נעהמען זיך קנעלען. איטליכער מיט זיין חדר, און דער פּאַסטוך מיט זיינע בהמות. באַהעלפער שלעפּען, טראָגען, ווי דער סדר-העולם איז, פיצלעך קינדער, שלאַפינקע אויף די פּלייצעס אין חדר אריין, און דאָס קעלבעל אונזערס, אַ געזונדס, נישט קליין צו לויפען מיט די פיסלעך אַליין, בלייבט גאָר איבער אין דער-היים! עס גייט אַרום בטל. פאַרוואָס? — ס׳איז נאָך צו יונג צו טרייבען עס אין טשערעדע, זאָגט דער פּאַסטוך, עס וועט נים פאַרזאַמען די תורה זיינע: מעלה-גרה׳ן, מאַכען מיט דעם מויל, נישקשה, שפּעטער אַ ביסעל אויך. לעת-עתה, זאָגט ער, זאָל זיך עס מגדל זיין אונטער אַ היימישער השגחה ביז דער רעכטער צייט.

אין ברירה, דאָס קעלבעל בלייבט, נעבעך, און גייט איבער אויף אַ סך הענט. קיין האָניג דערפון האָט עס נישט געלעקט. די מאַמע ווייזט איהם אַ היי אין סדור; דער פאַרשטאַפּט איהם

דאָס מויל מיט שיהי-פּיהי; יענער לערענט דאָס דרך-ארץ — און פון די פולע טובות איז עס, נעביך, שטענדיג הונגעריג, שטאַרק פונ׳ם לייב אַראָב.

אויף זיין גליק האָט זיך ביי מיין מלמד אויסגעלאָזט די תורה פאַר מיר. איך הויב אָן דערווייל צו לערנען, הייסט עס, אין בית המדרש אַליין פאַר זיך. מע פאַרלאָזט זיך, הייסט עס, אויף מיין יושר, און די השגחה אויפ׳ן קעלבעל געהט מיט דער צייט איבער אינגאַנצען צו מיר אין די הענד. איך ווער עס דער מדריך זיינ׳ס אין אַ גוטער שעה!

עס עפענט זיך פאַר אונז ביידע אַ נייע וועלט — אַ וועלט אַ ליכטיגע, אַ שעהנע, אַ פרייע, וואָס ניט איך, נישט דאָס קעלבעל, האָבען זי ביז אַהער, ליגענדיג פערישפאַרט אין חדר, אין שטאַלכען, קיינמאָל נישט אָנגעקוקט.

— לכה דודי! — זאָג איך, אָננעמענדיג דאָס קעלבעל ביים שטריקעל, וואָס איז אַרום דעם האַלז — קום, מיין פריינד, נצא השדה, אַהין אויפ׳ן גרינעם גראָז.

אַי-אַי, איז עס דאָרט גוט, מחיה! עס לעבט, עס ריהרט זיך אַרום און אַרום. גאָט׳ס בעשעפעניש, וואָס ביז אַהער גאָר ווילד-פרעמדע פאַר מיר. פויגעלעך אַלערליי, מיני זשוקלעך אַזוינע, היישעריגען, גרילען אַזוינע און אַזוינע, פליהען, שפּרינגען הויך אין דער לופט, זיי אונטען צווישען דעם גראָז לעבעדיג-פרעהליך, מיט אַ געזונגעריי, אַ זשוזשעריי, אַ צימבלעריי. עס הערט זיך אַ קאָנצערט, עס פיהלען זיך ריחות פון בשמים, עס שימערט אין די אויגען פון בלומען כל-המיני קאָלירן,

עס אָטעמט זיך עפּעס אַזוי גרינג, אַזוי פריי. עפּעס טהוט עס מיך אינעווייניג אַ ברי — האָפּ-האָפּ-האָפּ! טהו איך אַ שפּרונג קוליע מיך פאַר גרויס פערגעניגען עטלעכע מאָל איבער און צי מיך אויס אויף פריש-ווייכען מאָך מיט דעם בויך אַרויף. די ליכטיגע זון קוקט מיר גלייך אין פנים אַריין, שיינט, שמייכעלט, ווי גערעדט: אַ-יאָ יונגעלע, גוט?

עפּעס גאָרנישט ווילענדיג, ווי פון זיך אַליין, עפענט מיר זיך דאָס מויל, און אַ יקום-פורקן-ניגון לאָזט זיך הערען אויף

אַ ווינענדיג-קוויטשיגען ביי-קול׳כעל. דאָס קעלבעל קוקט זיך צו מיר אום און מאַכט: „מע״! עס האָט אַזוי ווי געהייסען: שאַ, וואָס איז?

דאָס קעלבעל פערטיפט זיך אין דעם עסען געשמאַק, מיט כונה. איך קוק, קוק פערטראַכט, און עס קומט מיר פאַר יעקב אבינו, ווי ער פיטערט די שאָף ביי לבן ארמי, עס דאַכט זיך מיר אויך דאָס גוטע בעגעגעניש זיינ׳ס מיט רחל׳ען ביים ברונים דאָרט, ווי זיי קושען, האַלזען זיך פאַר גרויס ליעבשאַפט.

אָנגעהויבען לכתחילה האָבען מיר די פיטערונג מיט דעם גרינעם באַרג, נישט ווייט פונ׳ם שטעדטעל, דערנאָך האָבען מיר זיך פערקליבען העט-ווייט, אויסזוכענדיג אַ וואונדער-שיין אָרט, גאָר אַ געמעל.

זאָל זיך אייך דאַכטען אַ וואַלד. בוימער-סאָסנעס געוויקסיגע ציהען זיך, ווי אַ סטרונקע גלייך, הויך אין הימעל אַריין, אונטען גלאַט-נאַקעט, און אויף די קעפּ גרינע היטלען-קאַפּעליושען אַ ים, צווישען וועלכע עס ברעכען זיך דורך שטראַלען ליכטיגע פון דער זון, און באַלעגען דאָס ריינע סאַמעטענע גראָז זיי ביי די פיס מיט העלע פאַסען גינגאָלדענע. פאַר דעם וואַלד שטעהען קליינע, געדיכטע וועלדעלעך. פון נידעריגע, יונג-פרישע, זאַפטיגע בוימעלעך כל-המינים, צוואָרפען דאָ, דאָרט, אויף אַ היבשען, פרייען מיט גרעזעלעך און שמעקענדיגע קרייטעכצער בעוואָקסענעם פלאַץ, פאָרענט-צו ציהען זיך פון איהם, פונ׳ם פלאַץ אַוועק, פעלדער-תבואה העט-לאַנג, ניט צו פערנעהמען מיט׳ן אויג, און איהם ביי דער זייט לאָזט זיך די גאַנצע געגענד אַלץ נידעריגער-נידעריגער אַראָב אין אַ טאָהל, וואו עס שפּרודעלט, ריזלעט אַ ריין קלאָר וואַסער לעבעדיג-שפּילענדיג, ווי אַ קינד, דאָס בעהאַלטענדיג זיך ערגיץ צווישען געדיכט פאַרצווייגטע ווערבעס דאָרט, דאָס אַ ווייז געבענדיג זיך ווידער, לויפענדיג-שפּרינגענדיג באַרג-אַראָב פון שטיינדלעך אויף שטיינדלעך, האַלטענדיג אין איין מאַכען: בול-בול-בול!

חוץ מיר און דעם קעלבעל — נישטאָ דאָרט קיינער. נאָר וואָס אַמאָל טראָגט דער גוטער יאָהר אָן עפּעס אַ פויגעל, שטעלט

עס זיך אויף אַ צווייגעל, וואַרפט אויף מיר בגנבה אַן אייגעל, וואונדערענדיג זיך, ווער זאָל עס זיין דער מין נפש, טוט באַלד טאַקע אַ בוק מיט'ן קעפּעל, אַ טרייסעל מיט'ן ווידעלע, אַ מאַך מיט די פליגעלעך און — זיי געזונד! אַוועק, אַוועק...

אָדער אויף יענער זייט טאָל אַקעגען לאָזט זיך אַמאָל אַראָב אַ בושעל, טוט זיך אַ שטעל אויף די לאַנגע, רויטע פיס, אויסשטרעקענדיג אין דער הויך דעם לאַנגען זילבער-ווייסען האַלז מיט דעם רויטען פּיסק, שטייט אַזוי אַ ווײַלע, קיין ריר זיך ניט צו טאָהן. פּלוצים קליפּ-קלאַפּ, קלאַפּ-קליפּ מיט דעם שנאָבעל און — מאַרש, מאַרש איבּער דעם זומפּ.

צייטענווייז פאַרטראָגט זיך אַ ווידערקול ערגעץ אינ'ם וואַלד, אַ געקלאַפּעריי פון פורעלעך אויפ'ן וועג דאָרט.

איך ליג מיר צעלעגט, שמאָכענדיג פאַר גרויס פאַרגעניגען, קוק אויפ'ן קעלבעל און טראַכט:

— אַז וואויל איז אונז ביידען! ביידע האָבען מיר איינער דעם אַנדערן צו פאַרדאַנקען דערמיט, וואָס מיר זענען דאָ. ווען ניט איך, וואָלסטו אַצינד געהינעט אין שטאַלכען, און ווען ניט דו, וואָלט איך אַצינד געהינעט אין בית-מדרש.

אָט אַזוי פלעג איך פאַרברענגען אַ שטיק טאָג, שעפּענדיג נחת פון גאָט'ס וועלטעל און פונ'ם קעלבעל, וואָס האָט זיך שטאַרק צוגעלאָזט צו מיר, געוואָרען מיט מיר, ווי מען זאָגט, פּאַני-בראַטצי. מען האָט געמעגט אָנקוקען אויף חידושים מיט וואָס פאַר אַ שמחה עס האָט זיך געשפּילט מיט מיר, מיט וואָס פאַר אַ קעלבערנע התלהבות עס האָט זיך געלאָזט לויפען, אונ-טערהויבענדיג דעם הינטען, אַזוי זיך פּלוצים, עפּעס גאָר פון דער העלער הויט. טאַקע נאָר עפּעס, ווי אַ קינד צו דער מאַמע, פלעגט עס אַמאָל אויסשטרעקען דעם האַלז, אָנבויגענדיג צו מיר דעם קאָפּ, ווי געזאָגט: נאַ, קראַץ מיך!

אין פערלויף פונ'ם זומער זיינען מיר ביידע ווי איבער-געביטען געוואָרען. דאָס קעלבעל האָט אויף זיך גענומען לייב! ס'איז אים אויסגעקראָכען די האָר און באַקומען אַ נייע גלאַנצענ-דיגע הויט. איך בין אויך געקומען צו די קרעפטען, באַקומען

גאָר עפּעס אַ נייע הויט און זייער אַ שטאַרקען אַפּעטיט. דאָס לערנען האָט ביי מיר דענסטמאָל אַזאַ טעם געהאַט, ווי ביים זאַטען קעלבעל, קומענדיג פונ'ם פעלד, האָט אַ טעם געהאַט שטרוי, קאַרטאָפעל-שאָלעכץ.

ה

— מילא, וועגען דעם קעלבעל איז שוין ניטאָ וואָס צו ריידען. מען האָט שוין דערמיט אויף אַ שטייגער — עס וועט אם ירצה השם, אַבי געזונד, זיין אַ בהמה. די שאלה אָבער איז אַצינד: בחור! וואו האַלט מען מיט דיר. וואָס פאַר אַ גוטס, בחור'ל, קאָן אַרויסקומען פון דיינע פעלדער, דיינע וועלדער?

אַזוי האָבען זיך געווענדט צו מיר מיט אַ מוסר מיינע היימישע, מיך געפרעגט און געענטפערט פאַר מיר, זיי טאַקע אַליין:

— איין מיטעל פאַר דיר. עס זאָל אויס דיר ווערען אַ לייט, איז נאָר די ישיבה, קיין אַנדער תכלית איז גאָרניט געמאָלט.

עס האָט מיר האַרציג באַנג געטאָן שיידען זיך מיט דעם קעלבעל, מיט גאָט'ס וועלטעלע, דאָס שעהנע, וואָס האָט מיי אַריינגעגעבען אַ נייע נשמה; נאָר ווער וויל עס ניט ווערען אַ לייט, קומען צו אַ תכלית? אַך, רבונו של עולם, האָב איז ביי מיר געטראַכט, עס זאָל מעגליך זיין אַריבערצופּעקלען אַהינצו, אין דער ישיבה, אָט דאָס אַלצדינג, דאָס קעלבעל אַהין אויך טאַקע!

און וואַלגערענדיג זיך אין דער ישיבה, אַמאָל אויף אַ האַרטער באַנק, אַמאָל אויף דער ערד, אַ קלאַק צוקאָפּענס, פלעגען זיך מיר עפענען אין די געדאַנקען וואונדער-שעהנע

פאַנאַראַמעס. בוימער, תבואות, בלומען, בערגלעך, טאָלען, אַ גילדענע זון און אַ ריינער בלויער הימעל. אין קאָפּ שפּיעלט מיר אַ טשיזשיק, אין די אויערן זשוזשעט מיר אַ זשוקעל. אין נאָז פאַרגעהען מיר ריחות — דאַכט זיך בשמים... צוקאָפּענס, דאַכט זיך מיר, פון מאָך אַ קישעלע, און עס קריכען אויף מיר, דאַכט זיך, משה רבינו'ס פערדעלעך. עס ציהט מיך, ציהט ביי דער נשמה אַלץ אַהין, אַהין...

— „מאַמע-לעב! — שרייב איך אין איין שענעם זומערטאָג אַ היים — איך באַגער, נישקשה, לערנען, האַלט שוין, ברוך השם, אויף אַ שטייגער... נאָר וואָס דען? שטאַרק אַ היים בענק איך, נאָך דיר, מאַמע, נאָך איטליכען (נאָכ'ן קעלבעל האָב איך מיך געשעמט זאָגען). אוי, לאָז מיך אויף אַ פּאָר טעג קומען אַ היים! עס וועט קיין הוצאות ניט קאָסטען. איך וועל געהן צופוס. נישקשה, וואָס איז? אַלע בחורים ביי אונז געהען צופוס. און נאָך וואָס פאַר אַ מין געהן — באָרוויס. מיט דעם שטעקען אין דער האַנד און דעם פּעקעל אויף די פּלייצעס. אָקעגען אַ ח"י גראָשען פאַרמאָג איך טאַקע במזומנים, נאָך פון פורים, פאַר לייענען די מגילה דער קעכען דאָרט, ווו איך עס שבת, און פאַר אָבטראָגן פונ'ם בעל-הבית משלוח-מנות צו זיין מחותן. לאָז מיך, מאַמעניו. אוי, איך בעט דיך!"

און נישט וואַרטענדיג אויף תשובה, לאָז איך מיך שפּעטער מיט עטליכע טעג, אַזוי ווי איך שטעה און געה, אין וועג אַריין, עס פאַרשטעהט זיך, צופוס.

אויב ס'איז נאָר געמאָלט אויף דער וועלט גליק, און געוועזן דענסטמאָל אַ גליקליכער מענש אויף איהר, איז דער איינער געוועזן איך. עס פאָרען דאָך סוחרים אין בוידען, פּריצים אין קאַרעטעס, אָבער וואָס פאַר אַ טעם האָט דאָס פאָהרען, זייערס אַנטקעגען דעם צופוס-גיין פון אַ ישיבה-בחור, ווי איך, וואָס רייסט זיך אַרויס פון שימעל, אַ דערשטיקעניש אויף דער פרישער לופט, אויף דער פרייער ליכטיגער וועלט, וואָס ווערט עפּעס ווי פון טויט לעבעדיג?

אַרויסגעגאַנגען בין איך גאַנץ פריה, געגאַנגען מיט זייטנ-

וועגעלעך צווישען ווייץ און קאָרען דעם גאַנצען טאָג, אונטערשפּרינגענדיג פאַר פרייד, אויך אונטערזעצענדיג זיך אַמאָהל, און געקומען אַ היים בין איך מנחה-צייט, ווען בהמות קומען צוריק פונ'ם פעלד.

מיין קעלבעל זעה איך איז, הע-הע-הע, אָן עין הרע, אַ קאַלב.

איך גיב מיך אַ שטעל גלייך אים אַנטקעגען פּנים.

— שלום עליכם, קעלבעל, — מאַך איך און וויל עס אַ גלעט טאָהן.

עס בויגט אָן דעם קאָפּ, ניט אָנצוקוקען מיך, אויסשטעלענדיג מיר אַ פּאָר קליינע שפּיציגע הערנער, ווי גערעדט: אָן הענד! וואָס פאַר אַ מחותן מיט מיר, מיך צו גלעטען, ביסטו פעטער.

עס פאַרדריסט מיך טאַקע אַ ביסעל, נאָר נישקשה, טראַכט איך מיר, מע בעדאַרף זיך פּרוּוון נאָך-אַמאָהל.

— מאַין-מאַין-מאַין! זאָג איך, האַלטענדיג דאָס קעלבעל פאַר דער נאָז, אַ ביסעל פון דערווייטענס, אַ הויפען גראָז— נאַ, הייסט עס, אַ מתנה פון מיר!

עס שמעקט, סמאָרעט מיט דער נאָז, אָנקוקענדיג מיך פאַרוואונדערט, גלייך ווי געזאָגט: עפּעס קענטליך! דאַכט זיך דער און פאָרט ניט דער.

— אַ, ניט דערקענט? אַי-אַי! — שמייכעל איך אַ ביסעל מיט תרעומות, מיט גאַל, הייסט עס.

און קוקענדיג אַ ווײַלע אַזוי אויפ'ן קעלבעל, ווי שעהן, געזונד, באַלייבט, ווי לעבעדיג, פריש עס זעהט אויס; פערגלייכענדיג אים אָקעגען דאָס דאַרע, קוואַרע לייב מיינס, דאָס בלייך-אויסגעווייגט פּנימ'ל מיט דער גאַנצער ישיבה-בחור'שער געשטאַלט מיינער, כאַפּט זיך מיר ניט ווילענדיג אַרויס אַ זיפץ טיעף פונ'ם האַרצען.

דאָס קעלבעל, דערקענענדיג מיך, אַפּנים, אין דעם קול, ווערט מיט מיר היימישער, שטרעקט פריינדליך אויס צו מיר דעם האַלדז צום קראַצען, ווי דער שטייגער איז געווע

פריער. עס שטעהט אזוי עפּעס ווי גערירט, קוקט מיט האלב פארמאכטע אויגען, אונטערמרוקענדיג צו מיר שטיל פון דער ברוסט: המ-מ-ם! ס'איז דערינען געלעגן אזוינס, וואָס גאָר ניט פאַר דעם מענשענס לשון. איך האָב עס אָבער גוט געפיהלט, עס האָט אויסגעדריקט א פראגע: וואו ביסטו פלוצים אהינגעקומען? און צוגלייך טאקע א באדויערען: המ-מ-ם, וואָס פאַר א פנים, נעבעך, דו האָסט!

ו

בלייבען ביי דער אָרימער מאמע, א וויסטע אלמנה מיט יתומים, איז געווען ריין אונמעגליך.

— איך געזעגען מיך מיט מיינע אלע ליעבסטע, זאָג א זיי געזונד די שעהנע פעלדער, די גרינע וועלדער, ווו איך האָב געשפּאצירט, איך לאָז מיך אוועק צופוס ווייטער אהין, אין דער ישיבה.

א ביטער יאָהר, ניט פאַר יודישע קינדער געדאכט, האָב איך געהאַט דאָס מאָל אין דער ישיבה, פיעל ערגער נאָך ווי פריהער. א יאָהר אָהן „טעג",—עס האָט מיר געפעהלט טעג צום עסען, און איך האָב געליטען הונגער. א גליק פאַר מיר, וואָס פיעל אנדערע פון די אָרימע בחורים האָבען אויך געדאַרט, געהונגערט — איז עס פאַר מיר געווען כאָטש א האלבע טרייסט.

נאָך א לאנגער צייט שטילשווייגען שרייבט מיר די מאמע:

„מזל-טוב דיר, זונעניו, מזל-טוב אויך מיר מיט מיין בהמה! עס האָט זיך געקעלבט דיין קעלבעל, איז געוואָרען אויף קעז און אויף פוטער א בהמה! אין שטוב איז דאָ מילכיגס,

אביסעל צום פערקויפען און פאַר זיך אויך אביסעל. ווי דערלעב איך שוין אויך פון דיר אין גיכען נחת, הלואי אמן, רבונו של עולם! זעהער א גוטע בהמה. נאָר וואָס דען? איך האָב פון איהר צרות. זי לאָזט זיך ניט מעלקען, וואַרפט זיך, שרייט, בענקט, גייט פשוט אויס נאָכ'ן קעלבעל. האָסטו געהערט, א בהמה זאָל נישט קאָנען פערגעסען דאָס קעלבעל! עפּעס טאקע נאָר ווי א מאמע א קינד להבדיל. משוגע איז זי טאקע נאָך קעלבעלווייז געווען, געטויגט האָסט דו איינער טאקע צו איר. גוט אויסגעלערנט האָסטו זי. האָסט געמעגט וועניגער לערנען זי און לערנען בעסער אליין. לערן, זונעניו, לערן, וועט אויס דיר, אם ירצה השם, ווערען א לייט. א קעלבעלע איז דאָס געווען זעהר א געראָטענס, טאקע גאָר אן אנטיק. דער קצב האָט מיר דערפאַר געגעבען א גוטען מקח, פונ'ם געלד שיק איך דיר א פּאָר גילדען. נא, ווייס, האָב אויך הנאה פאַר דיין מי אמאָהל מיט דיין קעלבעל! איר ביידע זענט דאָך ווי אנדערע צוויי. ווייטער שרייב איך דיר, אז"...

נאָר גענוג! וואָס ווייטער זי שרייבט האָב איך שוין ניט געלייענט. עס ווערט מיר פינסטער אין די אויגען, פאַרדרעהט זיך מיר דער קאָפּ, פע, נישט גוט, אזוי, אז מע האָט געמוזט אָפּגיסען מיך מיט א גאנצען עמער וואסער.

מיינע חברים שטעהן צו מיר צו, פרעגען:

— וואָס איז פּאָרט די מעשה? איז עמיצער פון די היימישע, חס-ושלום, קראנק, אָדער, די שעה זאָל נישט זיין, אפשר גאָר געשטאָרבען?

און איך שווייג, האלטענדיג זיך ביים הארצען. געה דערצעהל, נאָר אויף לייטיש געלעכטער, יענעם א מעשה מיט א קעלבעל! אז דאָס איז מיר ניט גוט פאַר רחמנות אויף א בהמה, מיט וועלכער מיר איז בעשערט געווען, צום ערשטען מאָהל אין אונזערע ביידענס יונגע יאָהרען, אָנצוקוקען גאָט'ס וועלט מיט איהרע פעלדער די שעהנע, און צו פערברענגען דאָרט ביידע א שטיק צייט, די טייערסטע אין לעבען; אז דאָס טריפט מיר דאָס בלוט פאַר רחמנות אויף א בהמה, א מאמע, א!

ערשטלינג, וואָס בענקט נאָך איר קינד, נאָך איר געקוילעטע קינד, נעבעך!...

גענוג, איבערגענוג איז פאַר מיר געווען דער מאַמעס עטליכע ווערטער, אַז איך זאָל ווערען צוקאָכט, צורייצט, אַז די פאַנטאַזיע זאָל אַרבייטען מעשים, מיר נישט לאָזען רוהען די נעכט.

קוים וואָס זיך געלעגט — אַ-האַ, ברוך הבאָ! הויבט זיך אָן די שפּיל. עס טרעט אַרויס אויף דער סצענע דאָס אַלטע קעלבעל, שוין אַ מאַמע, מיט דעם קינד — אַ קעלבעלע אַ בריליאַנט. עס טשעפּעט זיך דאָס קעלבעלע, זויגט די ברוסט, אונטערשלאָגענדיג צו ווייל דעם אייטער, דרעהענדיג דערביי מיט דעם ווידעלע, די מאַמע איז גאָר איבערגליקליך, זי בויגט אויס דעם קאָפּ צום קינד, לעקט עס, לעקט, שטיל אונטער-מריקענדיג פאַר גרויס ליעבשאַפט... עס פינקעלט, שימערט אַרום און אַרום, אַ ליעבליכע וואַרימקייט צוגיסט זיך אין די אַלע גליעדער, און אויפ'ן האַרצען פיהלט זיך עפּעס אַזוי גרינג, אַזוי גוט... באַלד טאַקע טהוט זיך עפעס ווי אַ דרעה. עס טונקעלט אין די אויגען, אויס געשטאַלטען, אויס קאָלירען, אויס אַלצדינג— גאָרנישט!...

איך וואַרף מיך, איך קער מיך אום אויף דער אַנדער זייט, קלינג-קלינג, ווי מיט אַ גלעקעלע איז די אויצרעו—הע-הע, ווידער די שפּיל!

אַ סצענע אַ טרויעריקע. עס רייסט זיך דאָס יונגע קעל-בעלע, רייסט זיך דעם קצב פון די הענד אַרויס, עס לויפט מיט אַ ביטער געשריי, און דער קצב נאָך איהם. פיהלענדיג זיין מלאך-המות און שטאַרק ווערענדיג לעבען, לויפט עס אויסער זיך, נעבעך, פאַר שרעק, בעהאַלט זיך עמיצען דאָרט צווישען די פאָלעס, קייכט, מעקעט, ווי עס בעט רחמים: ראַטעוועט! דער קצב כאַפּט דאָס שוואַך קעלבעלע, בינדט עס אויף אַלע פיר. עס צאַפּעלט, שרייט: מע-מע — מאַמע הייסט עס — נאָר אומזיסט! די מאַמע איז אויפ'ן פעלד, הערט נישט דאָס ביטער געשריי

פון איהר ליעב קינד, הערט נישט דעם קינדס געזעגענען זיך מיט איהר פאַר'ן טויט...

רויט-בלוי, אַ פאַרבלענדזעניש, אויסמישעניש אַרום און אַרום. איך טאַפּ מיך, וויש מיך — דאַכט זיך בלוט, שפּריצע-לעך בלוט...

עס באַשלאָגט מיך אַ שווייס!...

און מיין קערפּער ווערט אַ צושטערטע, אַ צובראָכענע כלי... צווישען ווירקליכקייט און חלומות ניטאָ קיין אונטער-שייד. ס'איז אַ דרעהעניש, אַ פּלאָנטעריניש...

עס וואַרפען זיך אין מיר אַלע מיינע גלידער. עס זידט, קאָכט, רוישט אַרום מיר, עפּעס אַ גאַנצע איבערקערעניש.

אַי דער קאָפּ, עס שפּאַלט זיך מיר דער קאָפּ!

צום צענטן יאָרצייט פון

מענדעלע מוכר-ספרים

(שלום יעקב אַבראַמאָוויטש)

צום צענטן יאָרצייט האָט דער פאַרלאַג „מענדעלע" אַרויסגעגעבן אַלע ווערק פון מענדעלע מו״ס אין אַ נייער, באַאַרבעטער און קאָנטראָלירטער אויסגאַבע. פאַר יעדן באַנד קומט אַן אַריינפיר און אויך אַ בעהעריקע אָפּהאַנדלונג-כאַראַקטעריסטיק פון די ווערק.

אויסער די פריערדיקע צוואַנציק בענדער, האָט דער פאַרלאַג אַרויסגעגעבן צום יאָרצייט **נייע צוויי בענדער:** באַנד XXI „מעשיות וועגן מענדעלען" און באַנד XXII „דער מענדעלע-טורעם".

באַנד 1 מענדעלע מוכר-ספרים (זיין לעבן און שאַפן)

באַנד 2 דאָס קליינע מענטשעלע

באַנד 3 פישקע דער קרומער

באַנד 4 די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָט-בעלי-טובות.

באַנד 5 די קליאַטשע

באַנד 6 לופט באַלאָן. דער פיש

באַנד 7 יודעל

באַנד 8 שבתדיקע זמירות. פרק-שירה

באַנד 9 מסעות בנימין השלישי

באַנד 10 דער פּריזיוו

באַנד 11 דאָס ווינטשפינגערל, I טייל

באַנד 12 דאָס ווינטשפינגערל, II טייל

באַנד 13 צוריק אַהיים. אַלטע מעשה. שם און יפת אין וואַגאָן

באַנד 14 אין אַ שטורעם-צייט. אין דער ישיבה של מעלה. אַ סגולה צו יידישע צרות

באַנד 15 די נשרפים. ספר הבהמות. ספר הגלגולים. דאָס קעלבל

באַנד 16 שבת און יום-טוב. חג האָסיף. דער חילוף. שבת. וואָס הייסט חנוכה. אויף אַסיפות. אַ שטאָט אין מזרח-וואַנט. די אַנטדעקונג פון וואָלין.

באַנד 17 עלטערן און קינדער

באַנד 18 שלמה ר' חיימס (1 בוך)

באַנד 19 שלמה ר' חיימס (2 בוך)

באַנד 20 זכרונות וועגן מענדעלען

נייע צוויי בענדער

באַנד 21 מעשיות וועגן מענדעלען
מעשיות, זכרונות, עפּיזאָדן און קוריאָזן דערציילט פון שלום-עליכם, ציטראָן, אַנ — סקי, ראַווניצקי, קלויזנער, שניאור, פיכמאַן א. אַ.

באַנד 22 מענדעלע-טורעם
אַרטיקלען פון פרץ, בערדיטשעווסקי, גינזבורג, דובנאָוו, דינעזאָן, בערקאָוויטש, ספעקטאָר, ווייסער, באַרעליק, פרילוצקי, ניגער, נאַדיר, אויסלענדער, דאָברושין, מייזיל, גראָס א. אַ.

די ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים זענען די גרונט-שטיינער פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז איר אָנהייב, איר ערשטער אויסדרוק פון קראַפט, פון פאָרם, פון שפּראַכלעכער און קינסטלערישער פאַרווירקלעכונג.

מענדעלע איז ביז היינט דער גרעסטער קינסטלער פון יידישן וואָרט.

זיין ווערק איז צום לערנען, צום שטודירן און צום געניסן צוגלייך.

מענדעלעס ווערק דאַרפן זיך געפינען אין יעדן יידישן הויז!

פאַרלאַג געזעלשאַפט „צענטראַל" וואַרשע, נאַוואָליפּקי 7.